NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13466

# VAYSE HERSHER UN KOLIRTER SHKLAFN

A. G. Kravchenko

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

39778

רבעט - ביבליאָטעק
אר שילער פון דער ערשטער שטופע
№ 6

א. ג. קראַווטשענקאָ

# ווייסע הערשער
און
# קאָלירטע קנעכט



מאָסקווע || צענטרפאַרלאַג || 1929

J. 12518

ארבעט-ביבליאָטעק פאַר שילער פון דער ערשטער שטופע
№ 6

א. ג. קראווטשענקאָ

# ווייסע הערשער און קאָלירטע שקלאפן

(ווי אזוי די קאפיטאליסטן פון אל'ע לענדער האלטן אין דער קלעם די שוואכע פעלקער)

באארבעט פאר דער אידישער שול — ש. ג.

דערלויבט דורך דער וויסנשאפטלעך-פעדא-
גאָגישער סעקציע פונם מעלוכישן וויסנ-
שאפט-ראט פאר שולן פון דער I שטופע

צענטראַלער פעלקער-פארלאג פון פ. ס. ס. ר
מאָסקווע 1929

Книжная фабрика
Центрального
издательства
народов СССР
Москва Шлюзовой
проезд дом № 6

Главлит. А 41.069
Тираж 3000 экз.
Заказ 474

# 1. ווי אַזוי איז די וועלט פאַרטיילט צווישן פאַרשיידענע מעלוכעס

## וואָס זעען מיר אַף דער וועלט-קאַרטע

גיט אַ קוק אַף דער וועלט-קאַרטע, זי איז דורכוים באַדעקט מיט פאַרשיידענע שטריכירונגען *). יעדער מין שטריכירונג באַטייט די הערשאַפט פון אַ וועלכער ניט איז מעלוכע. קוקט זיך גוט צו ווי די שטריכירונגען זיינען פאַנאַנדערגעטיילט.

לאָמיר נעמען, לעמאָשל, ענגלאַנד אָדער, ווי מע רופט עס אַנדערש, גרויס-בריטאַניע (אַף דער קאַרטע זיינען אַלע זיינע באַזיצונגען פאַרשטריכירט אין קעסטעלעך). דאָס אַלטע ענגלאַנד האָט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק אײַנגענומען זיך געפונען אַף צוויי ניט גרויסע אינזלען באַם צאָפן-מאַירעװ ברעג פון אייראָפּע. דאָס איז אַמאָל טאַקע געווען דאָס גאַנצע בריטישע קיניגרייך. אָבער דערנאָך האָט ענגלאַנד אָנגעהויבן פאַרכאַפּן אַלץ נייע און נייע לענדער, און אין אונזער צייט פאַרמאָגט עס באַזיצונגען סיי אין אַמעריקע, סיי אין אַפריקע, סיי אין אַזיע, — און אַווסטראַליע מיט די אַרומיקע אינזלען געהערט גאָר אײַנגאַנצן צו ענגלאַנד.

לאָמיר ווידער נעמען פראַנקרייך. פראַנקרייך אַליין פאַרנעמט ניט קיין גרויסן אָרט אין דאָרעם-מאַירעוודיקן ווינקל פון אייראָפּע אָבער דערפאַר באַזיצט זי אַסאַך גרעסערע ערד-פלעצער אין אַפריקע, צענטראַל-אַמעריקע און אַזיע. דאָסזעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אַזעלכע לענדער ווי בעלגיע, איטאַליע, האָלאַנד.

*) די וועלט-קאַרטע—זע ביילאַגע צום סאָף בוך.

די צפון-אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטן און יאפאניע האבן אויך באזיצונגען אויסער זייערע אייגענע גרענעצן.

אף אזא אופן זעען מיר אף דער מאפע, וועלכע מעלוכעס עס פארמאגן גרויסע ערד-באזיצן, ווי איייניקע פון די דאזיקע באזיצונגען זיינען צעווארפן איבער די סאמע פארשיידנסטע טיילן פונם ערד-קיילעך.

## ווי אזוי האבן זיך פארגרעסערט די ערד-באזיצונגען פון אזעלכע לענדער ווי ענגלאנד

די מעלוכעס זיינען ניט מיטאמאל געווארן אזעלכע, ווי זיי זעען איצט אויס. אין מעשעך פון עטלעכע יארהונדערטן האבן זיי פארכאפט די ערד-פלעצער וואס זיי באזיצן איצט. זיי האבן זיי פארכאפט דורך שווינדל און גוואלדטאטן, אויסראטנדיק דערביי גאנצע פעלקער. אט לאמיר זיך באקענען דערמיט, ווי אזוי ענגלאנד האט באהערשט אוסטראליע.

צום ערשטן מאל האבן זיך די ענגלישע יאם-לייט באוויזן אין אוסטראליע מיט א צוויייהונדערט יאר צוריק. די קאלירטע מענטשן, וואס דעמאלט געלעבט אין אוסטראליע האבן אויפגענומען די ענגלענדער גאנץ גוט. די ווייסע מענטשן, וואס זיינען געקומען צו זיי אף וואונדערלעכע אקרענטן און האבן געקאנט שיסן פון ביקסן האבן זיי אויסגעוויזן צו זיין העכערע, וואונדערלעכע באשעפענישן. אבער עס איז אוועק א קורצע צייט און די „וואונדערלעכע באשעפענישן" האבן מערדערלעך אנגעהויבן אונטערדריקן די לייכטגלויביקע ארטגעבירטיקע. די ענגלישע סאכרים איז שטארק געפעלן געווארן דער אוסטראלישער ברעג-פאס, וואס איז רייך געווען מיט פארשיידענע געוויקסן. אף די אויסגעצייכנטע אוסטראלישע פליינען האט שטארק געלוינט צו פארנעמען זיך מיט פי-צוכט, הויפטזעכלעך מיט האדעווען שעפסן, וואס זייער וואל איז געגאנגען קיין ענגלאנד אף די געוואנט-פאבריקן. דעריבער האבן

זיי אלץ, וואָס האָט געקאָנט שטערן דעמאָזיקן פּיצוכטן אָנגעהויבן פּאַרטיליקן.

קוידעמקאָל האָבן זיך די ענגלענדער גענומען צו אומברענגען פון דער וועלט די קענגורן: אַ גוט באַקאַנטע פּעלץ-חיה, וואָס דערנערט זיך מיט גראָז. הונדערטער טויזנטער קענגורוס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר די אָרטגעבירטיקע, מאַכמעס זיי האָבן געלעבט פון דער יאַגד. דאָס איבערגעבליבענע ביסל קענגורוס זיינען אַנטלאָפן אין דער וויסטע, נאָך זיי זיינען אַוועק אויך די קאָלירטע מענטשן און דאָרטן האָט אָף זיי און אָף די חיות געוואַרט דער הונגער-טויט, ווייל דאָרט איז קימאַט ניטאָ קיין וואַסער. און אָף די זאַפטיקע גראָזן, פון וועלכע עס זיינען אַראָפּגעטריבן געוואָרן דער מענטש און די חיה, האָבן זיך געפיטערט און מיט שמאַלץ אָנגעגאָסן אומגעהויערע טשערעדעס שעפּסן און זייער רו האָבן געהיט ענגלישע רייטער-פּאָליציאַנטן. די פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען דאָס רעכט צו שיסן אָף טויט יעדן קאָלירטן מענטשן, אויב עמיצער פון זיי וועט נאָר וואַגן צו דערנעענטערן זיך צו די טשערעדעס. און כאַ הייַנטיקן טאָג געפינען זיך שוין אין אַוסטראַליע פיל געגנטן, וואו עס איז ניט געבליבן קיין איינער פון די אָרטיקע איינוואוינער און דאָרט וואו זיי זיינען נאָך דאָ, שטאַרבן זיי גיך אוים. דערפאַר אָבער איז אַוו-סטראַליע געוואָרן פאַרן „אַלטן ענגלאַנד” דער הויפּט-צושטעלער פון וואָל, פלייש, פעל.

אומגעפער אַזוי זיינען זיך באַגאַנגען די ענגלענדער און אַנדערע אייראָפּייער מיט די שווואַרצע (נעגערס) אין אַפריקע, מיט די אינדיאַ-נער אין אַמעריקע און מיט פיל אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען ערגער פאַר זיי באַוואָפנט, וואָס האָבן ניט קיין קויעך צו קעמפן מיט זיי.

## ווי באַלעבאַטעווען די „זיגער” אין די פאַרכאַפּטע לענדער

פאַרכאַפּנדיק די ערד-פלעצער, וואָס זיי האָבן געהאַט נויטיק, זיינען די ווייסע געוואָרן פולע באַלעבאַטים איבער די אַלע רייכטי-

מער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען, האָבן איינגעפֿירט שטרענגע געזעצן, וואָס באַשטראָפֿן האַרב די אַרטגעבירטיקע פֿאַרן מינדסטן ניט פֿאָלגן די זיגער. אַלץ, וואָס די לענדער האָבן פֿאַרמאָגט, איז געגאַנגען צו די זיגער אין קעשענע אַריין, וועגן פֿאַרבעסערן דאָס לעבן פֿון די אַרטגעבירטיקע האָט קיינער ניט געטראַכט, אָפֿט פֿלעגן זיי אינגאַנצן אויסגעראָטן ווערן, ווי מיר האָבן עס שוין פֿריער געזען.

אָבער מע קאָן שטעלן אַ פֿראַגע: צו וואָס באַדאַרפֿן אַזעלכע מעלוכעס, ווי ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, מעלוכעס מיט אַ הויך אַנטוויקלטער אינדוסטריע, מיט אַסאַך פֿאַבריקן און זאַוואָדן, מעלוכעס, וואָס זיינען פֿיל-פֿיל רייכער פֿון די לענדער, וואָס זיי האָבן פֿאַרכאַפּט, — צו וואָס באַדאַרפֿן זיי די דאָזיקע ווילדע און האַלב-ווילדע לענדער?

איז דער ענטפֿער: טאַקע פֿאַר די פֿאַבריקן און זאַוואָדן האָבן זיי נייטיק די אָפּגעשטאַנענע לענדער. די פֿאַבריקן און זאַוואָדן אַרבעטן אויס פֿון אַזוי גערופֿענעם רוי-שטאָף פֿאַרשיידענע סכוירעס: פֿון פֿעל, לײַן, וואָל, בוימוואָל און אַנדערע. אַסאַך אָבער פֿון די רוי-שטאָף און דעריקער זייער ביליקע קען מען געפֿינען דאַפֿקע אין יענע לענדער, וואו די באַפֿעלקערונג פֿאַרנעמט זיך מיט פּיצוכט, ערדאַרבעט, וואו די אינדוסטריע איז ניט אַנטוויקלט.

כוצדעם דאַרפֿן די אינדוסטריעלע לענדער האָבן וועמען צו פֿאַרקויפֿן דאָס, וואָס זייערע פֿאַבריקן און זאַוואָדן אַרבעטן אויס. לענדער, וואו מע קאָן אַמבעסטן און אַמלוינבאַרסטן אָפּזעצן די דאָזיקע סכוירעס זיינען ווידעראַמאָל די דאָזיקע ערדאַרבעטערישע לענדער, וואָס פֿאַרמאָגן ניט קיין אייגענע פֿאַבריק-פּראָדוקציע. דעריבער יאָגט זיך אַזוי יעדער קאַפּיטאַליסטישע לאַנד צו פֿאַרכאַפּן, וואָס מער אַזעלכע לענדער. אָט אַזאַ מין לאַנד, וואָס ווערט מיט גוואַלד צוגעפּעסטיקט צו אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד רופֿט זיך קאָלאָניע, און דאָס קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, וואָס פֿאַרמאָגט קאָלאָניעס רופֿט זיך מעטראָפּאָליע (הויפּטלאַנד). אַזוי איז אינדיע אַ קאָלאָניע פֿון גרויס-

בריטאַניע און ענגלאַנד איז די מיטראָפּאָליע פאַר אַלע אירע קאָ־לאָניעס.

עס איז דאָ נאָך אַ סיבע צוליב וועלכער די קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטרעבן צו פאַרכאַפּן וואָס מער קאָלאָניעס.

די קאַפּיטאַליסטן פאַרכאַפּן אין זייערע הענט די רייכקייטן פון די לענדער, וואָס זיי נעמען איין, די דאָרטיקע וועלדער, מינעס, נאַפט־קוואַלן, גאָלד־פעלדער, זיי צווינגען די אָרטיקע איינוואוינער צו אַרבעטן פאַר זיי פאַר די ביליקסטע פּרייזן, אָדער גאָר אומזיסט, זיי נוצן די אָרטיקע באַפעלקערונג קויפן נאָר זייערע סכוירעס און באַקומען אַף אַזאַ אויפן פון די קאָלאָניעס פיל מער פּראָפיטן, ווי אינדערהיים.

## די מעטראָפּאָליעס און זייערע קאָלאָניעס

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די פאַרכאַפּער מיט די איינ־גענומענע. גרויס בריטאַניע, לעמאַשל, אויב מע זאָל רעכענען אַלע קאָלאָניעס, וואָס זי האָט איינגענומען, פאַרנעמט העכער ¼ פון דער יאַבאַשע אַף דער גאַנצער וועלט (אַרום 40 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער), פון דידאָזיקע 40 מיליאָן קילאָמעטער פאַרנעמט די מעטראָפּאָליע גופע קוים עטוואָס מער פון 300 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. די ענגלענדער, — די הערשער אין גרויס־בריטאַניע איבער אַלע איבעריקע נאַציעס — באַטרעפן בלויז 15% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער מעלוכע (די באַפעלקערונג פון גרויס־בריטאַניע באַטרעפט 450 מיליאָן מענטשן, ד. ה. העכער ¼ פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אַפן ערד־קיילעך).

פראַנקרייך מיט אַלע אירע קאָלאָניעס פאַרנעמט אַ שטעטך פון אומגעפער 12,5 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער, פון דידאָזיקע 12,5 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער פאַרנעמט די מעטראָפּאָליע אינ־גאַנצן אַרום 550 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. די באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס איז גרעסער פאַר דער באַפעלקערונג פון דער מעטראָפּאָליע. ס'ראַזו איז די באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס ניט

קיין ווייסע, ד. ה. ניט קיין מענטשן מיט א ווייסער הויט, נאר „קאַ־לירטע”, שוואַרצע, רויטע, געלע און ביכלאל טונקעלע.

## א לאַנד, וואָס נויטיקט זיך ניט אין קאָלאָניעס

מיר האָבן אנגעהויבן דערמיט, וואָס מיר האָבן די לעזער באַ־קאַנט מיט דער וועלט־מאַפּע, אָבער די באַקאַנטשאַפט וועט זיין ניט קיין גענוגנדיקע, אויב מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אַף נאָך איין גרויס לאַנד. דאָסדאָזיקע לאַנד פאַרנעמט דעם מיזרעכדיקן טייל פונם אייראָפּייאישן מאַטעריק און דעם גאַנצן צאָפן פונם אזיאַטישן. דאָס לאַנד רופט זיך: פאַרבאַנד פון סאָוועטי־שע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. אין דעמדאָזיקן פאַרבאַנד וואוינען אסאך פאַרשיידענע פעלקער, אייניקע פון זיי געהערן צו אַנדערע ראַסן, ניט צו די, פון וועלכע עס שטאַמען די ווייסע אייראָפּייער. פריער זיינען דידאָזיקע פעלקער אויך געווען פאַרשקלאַפט דורך די רוסישע קייסאָרים. אָבער איצט איז עס גאָר אַנדערש. אין אָקטיאַבר 1917 יאָר, ווען די אַרבעטער און פויערים פונם געוועזענעם צארישן רוסלאַנד האָבן גענומען די מאַכט אין זייערע הענט, האָבן זיי גלייך אַפן ארט אַנערקענט די פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג פון אלע פעלקער, פון וואָס פאַר א קאָליר זייער הויט זאָל ניט זיין, אַף וואָס פאַר א שפּראַך זיי זאָלן ניטריידן, וואָס פאַר א מידעס עס זאָלן בא זיי ניט הערשן. יעדעס פאָלק, וואָס וואוינט אין די גרענעצן פון אונזער פאַרבאַנד, האָט דאָס רעכט אויסצוטיילן זיך אין א זעלבשטענדיקער רעפּובליק און לעבן לויט יענע געזעצן, וואָס עס וועט אליין געפינען פאַר בעסער. אונזער לאַנד איז דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט, וואו די פעלקער טיילן זיך ניט אַף באַזיגער און באַזיגטע, וואו קיין איין פאָלק, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, האָט ניט דאָס רעכט אונטערצודריקן א צווייט פאָלק, ווי קליין עס זאָל ניט זיין. אַף די לעצטע זייטלעך פונם דאָזיקן ביכל ווערט אין א באַזונדער קאַפּיטל גענוי באַשריבן, וואָס פאַר א באַדייטונג: אונזער פאַרבאַנד האָט פאַר די פאַרשקלאַפטע קאָלאָניעס, פאַר אלע

יענע קאָלירטע קנעכט, וואָס עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג. עס איז אויך ניט איבעריק א קער צו טאָן זיך אָף א ווײַלע אָף צו־ריק, א קוק טאָן, ווי האָט זיך געלעבט די אונטערדריקטע פעלקער אין דעם אמאָליקן צארישן רוסלאַנד.

דעם צווייטן קאַפּיטל הייבן מיר טאַקע דערפון אָן.

---

# ווי אַזוי די ווײַסע האָבן פאַר זיך צוגענומען די ערד

(דערציילט פון אן אלטן אינדיאנער) *

— דער ווייסער מענטש האָט ניט ליב דעם אינדיאַנער און וואָלט אים שטענדיק ראַק באַוולט.

אַזוי האָט אָנגעשריבן זיין דערציילונג וואַר־ראַ־פּי. ער האָט עס דערציילט רואיק, אָן א טראָפּן קאַעס. ער איז ניט בייז געווען אָף די ווייסע, מאַכמעס ער האָט געמיינט, אַז די ווייסע קאָנען ניט זיך אַנדערש גאָר ניט באַגיין. ער האָט א פאַרקלערטער געקוקט אָפן פייער און געטראַכט, אַז צו די ווייסע דאַרף מען זיך באַציען פונקט אַזוי רואיק, ווי צו אַנדערע פאַרשיידענע אומגליקן אין לעבן, ווי צו א סרייפע, האַגל א. א. וו. ער האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט:

— אַלטע לייט דערציילן, אַז פריער איז ניט אַזוי געווען. גע־לעבט האָבן מיר אין אַנדערע מעקוימעס, ~~געהאַט אַסאַך~~ ערד, אַסאַך באַימס זיינען געווען אין די וועלדער, אַסאַך פיש אין די אָזערעס. זיינען געקומען די ווייסע און עס איז געוואָרן ערגער. פריער האָט צו אונז געהערט די גאַנצע ערד, אין אונזער לאַנד, און איצט האָבן

* די אינדיאנער זיינען די אָרטגעבוירטיקע איינוואוינער פון צאָפן-אמעריקע. די הויט זייערע האָט א געל-רויטן קאָליר. דערפאר רופט מען זיי געוויינלעך—רויטהויטיקע. בא הײַנטיקן טאָג איז פון די אמאָליקע אינדיאנער געבליבן זייער ווייניק.

מיר ווייניק ערד; בלויז דאָרטן מעגן מיר וואוינען, וואו די ווייסע דערלאָזן אונז. נאָר אַמאָל איז געווען אַ צייט, ווען די ווייסע האָבן באַ אונז געבעטן אַ דערלויבעניש אויף אונזער ערד זיך צו באַזעצן.

— לאַנג צוריק איז די דאָזיקע צייט געווען, פֿאָטער? — האָט באַ אים געפֿרעגט האָזן-טראַט, און די אויגן האָבן זיך באַ אים דערביי פֿון באַהאַלטענער סינע צו די ווייסע אָנגעצונדן.

— לאַנג. אַלטע לייט האָבן פֿון אַלטע לייט געהערט. אַסאַך, אַסאַך לעוואָנעס זיינען שוין פֿאַרביי; בלויז אַלטע לייט ווייסן גענוי, ווי אַזוי די געשיכטע איז פֿאָרגעקומען, און זיי דערציילן וועגן דעם יענע יונגע, וואָס ווילן דערהערן.

וואַר-כאַ-פּי האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, פֿאַרטראַכט זיך, דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם און רואיק פֿון זיין ציבעק זיך פֿאַרצויגן.

— פֿאָטער, דערצייל ווי האָט עס פּאַסירט, — האָט האָזן-טראַט ה[illegible]ים אַ בעט געטאָן, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער אַלטער איז [illegible] זיך געקומען פֿון זיין פֿאַרטראַכטקייט און מען קאָן זיך איצט צו אים ווענדן.

פֿליעדיקער-פֿוקס האָט געשוויגן, אָבער אויך אָנגעשטרענגט נאָכן פֿאָטער נאָכגעשפּירט. ער איז נאָך געווען צו קליין: ער האָט נאָך ניט געטאָרט זיך ווענדן מיט פֿראַגן צו די עלטערע, ער האָט בלויז געמעגט הערן, ווי עלטערעריידן צווישן זיך.

— אָט ווי אַזוי די מאַיסע איז געווען, — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן און ווידער אַנשווייגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען גענוי יענע אויסדריקן און אייגנצלהייטן, וואָס ער האָט אַליין פֿון אַלטע לייט געהערט, — דערמאָנען זיך, כּדי ער זאָל עם גענוי איבערדערציילן, גאָרניט ניט הורבלאָזן, ניט פֿאַרפּלאָנטערן.

און דער זון זיינער האָט זיך צוגעהערט צו אים מיט אַ פֿאַרשאַרפֿטער אויפֿמערקזאַמקייט: אים אַליין וועט דאָך אַמאָל אויסקומען אַנדערע איבערדערציילן, און ער דאַרף דעריבער פֿאַרגעדענקען גענוי און פּינקטלעך — יעדעס וואָרט.

וואַר־כאַ־פּי האָט זיך פון זיין ציבעק ווידעראַמאָל פּאַרצויגן, באַקוקט אים, און אַ שטיינדל עטלעכע מאָל אים אַ קלאַפּ געטאָן, אויסגעטרייסלט דעם אַש פון דאָרטן און אָנגעהויבן זיין דער־ציילונג.

— עס זיינען געקומען די ווייסע. זיי זיינען געווען ניט אַזעלכע, ווי זיי זיינען איצטער. געקומען זיינען זיי פון ווייט און זיינען אַרי־בערגעפאָרן אַ גרויסן, גרויסן וואַסער. ווען זיי זיינען געקומען צו אונז, האָבן זיי געבעטן באַ אונז געבן זיי ערד. די אַלטע האָבן זיי באַגעגנט פריינטלעך, אַ שאָלעם־ציבעק מיט זיי אויסגערויכערט און געגעבן זיי ערד. די אַלטע האָבן זיי אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַן ערד די ווייסע קאָנען זיך נעמען. דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע ווייסע, פריינט פון די ווייסע, וואָס זיינען פריער געקומען. די אַלטע האָבן געזען, אַז די ווייסע שלאָגן זיך ניט, באַציען זיך פריינטלעך צו זיי, האָבן זיי אָנגעטיילט ערד אויך די ניי־צוגעקומענע. איצט, ווען די ווייסע טיילן אונז איין ערד, מעסטן זיי עס מיט אַ שטריק, שטעלן אומעטום סטויפּעס, אָבער אונזערע זיידעס האָבן ניט אַזוי געטאָן. זיי האָבן געזאָגט צו די ווייסע: נעמט זיך אַזויפיל ערד, וויפל עס קאָן אַרומגיין אין איין טאָג אַ מענטש. און אין דעם האָבן אונז די ווייסע טאַקע אָפּגענאַרט. און דאָ האָבן אונזערע זיידעס דערזען, אַז כיטרע און פאַלש זיינען די ווייסע, און אַז כאָטש זיי ווייזן אויס צו־זיין אונז קלוימערשט גוטע פריינט, אָבער אינדערעמעסן זיינען זיי אונזער סאָנים, וואָס זיינען שטענדיק גרייט אונז אָפּצונאַרן.

און וואַר־דאַ־פּי איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן און זיך פאַר־טראַכט.

— ווען אונזערע עלטסטע האָבן געזאָגט: נעמט זיך אַזויפיל ערד, וויפל עס קאָן אַרומגיין אין איין טאָג אַ מענטש, האָבן זיי גע־מיינט, אַז די ווייסע וועלן טאָן, ווי מיר טוען. ווען מיר קלייבן זיך אַריבער מיט אונזערע וויגוואַמען*, איילן מיר ניט, און ווען מיר

* וויגוואַם — אַן אינדיאַנישער געצעלט.

קומען אפֿן אָרט האַקן מיר ניט אוים די בוימער, מיר מאָרדן ניט די כּאַיעס און פֿויגל.

— ווען עס איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפֿט די ערד אָפּמעסטן, האָבן זיך אונזערע עלטסטע באַ די ווייסע פֿאַרזאַמלט, און דער עלטסטער פֿון די ווייסע האָט געגעבן צו וויסן זייַנע מענטשן, אַז די ערד, וואָס וועט קאָנען מער פֿון אַלעמען ערד אַרומגיין אין איין טאָג, וועט פֿון אים באַקומען אַסאַך, אַסאַך געלט און מאַטאָנעס. האָבן זיך אַרויסגערופֿן דרייַ מענטשן. זיי האָבן זיך אָנגעשטעלט נעבן גרויסן נוסנבוים, ער איז שוין איצט ניטאָ, אָף זייַן אָרט, זאָגט מען, האָבן די ווייסע אַ שטיינערנעם דענקמאָל אָנגעשטעלט. ווי נאָר די זון האָט זיך באַוויזן, האָט דער עלטסטער זייערער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און די דרייַ מענטשן, וואָס זייַנען נעבן נוסנבוים געשטאַנען, זייַנען אַוועק. זיי זייַנען געגאַנגען זייער, זייער גיך, אָן אָן אָפּשטעל, אָן אָן אָפּרו. אונזערע עלטסטע זייַנען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען און האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז די ווייסע באַגייען זיך ניט ערלעך. דער עלטסטער פֿון די ווייסע האָט נאָך פֿריער געהיים באַפֿוילן, אַז אומעטום, וואו מע וועט דאַרפֿן מיט וואַלד גיין, זאָל מען די בוימער אויסהאַקן, די קוסטן אויסרייסן, אַז עס זאָל גרינגער זייַן צו גיין. די ווייסע האָבן אָף פֿערד געריטן. אונזערע עלטסטע האָבן אָנגעהויבן זאָגן, אַז עס איז צייַט אָפּצורוען, זיך צוזעצן אַביסל, אַ ציבעק אויסרויכערן, אָבער די ווייסע האָבן זיי ניט געהערט און אַלץ געלאָפֿן ווייטער און ווייטער. האָבן אונזערע עלטסטע אָנגעהויבן פֿאַרמאַטערט צו ווערן, האָבן זיי אָנגעהויבן זאָגן, אַז זיי קאָנען ווייטער ניט גיין, אַז מע דאַרף אָפּרוען. אָבער די ווייסע האָבן זיי ניט געפֿאָלגט, און קעדיי אונזערע עלטסטע זאָלן קאָנען זען, אַז די דאָזיקע דרייַ מענטשן פֿאָרן ניט, נאָר גייען מיט זייערע פֿיס, האָט מען געגעבן אונזערע עלטסטע פֿערד צום רייַטן.

אָבער ווען די זון האָט זיך געפֿונען גלייך איבערן קאָפּ, איז איינער פֿון די דרייַ פֿון די קויכעס געפֿאַלן און געבליבן ליגן. מע

האָט אים געגומען און אָפּגעפירט אַהיים, און ער איז אין קורצן געשטאָרבן. עס איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט, און ווען מע האָט געדאַרפט אַ טייך אַריבער איז אַהין דער צווייטער אַריינגעפאַלן. ער איז ניט דערטרונקען געוואָרן אין דעם טייך, די ווייסע האָבן אים געראַטעוועט, אָבער אויך ער איז אין דריי טעג אַרום געשטאָרבן. און דער דריטער, וואָס איז לעבן געבליבן, איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. לעסאָף האָט די זון אָנגעהויבן זיך זעצן, און ווען זי איז איינגאַנצן אַף מאַירעוו אַוועק, האָט דער עלטסטער פון די ווייסע געהייסן שטיין בלייבן. דער ווייסער, וואָס איז מיט די פיס געגאַנגען, איז גלייך אַף דער ערד אַנידערגעפאַלן. ער איז ניט געשטאָרבן, אָבער ער האָט לאַנג געקרענקט, אַלץ געלעגן בא זיך אין וויגוואַם, און אים האָט צו גאָרניט גענוצט ניט דאָס געלט, ניט די מאַטאַנעס, וואָס מע האָט אים צוגעזאָגט.

האָבן זיך צונויפגעקליבן אונזערע עלטסטע און אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס צו טאָן. די ווייסע האָבן באַשלאָסן בא זיך, אַז מע דאַרף ניט אַרומגיין די ערד אַרום און אַרום, נאָר פון יענעם אָרט, צו וועלכן זיי זיינען דערגאַנגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרומפאָרן אין פאַרשיידענע זייטן און האָבן געזאָגט, אַז די־האָזיקע גאַנצע ערד געהערט איצט צו זיי. און ס'האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז צו די ווייסע האָט איצט געהערט דער גאַנצער טייך, וואו עס איז געווען אַזויפיל פיש, און די וועלדער, און די גאַנצע ערד אונזערע, וואו מיר האָבן געוואוינט. אונזערע עלטסטע האָבן באַשלאָסן אומקערן צוריק די ווייסע די מאַטאַנעס, וואָס זיי האָבן פון זיי באַקומען און צונעמען צוריק די ערד. אָבער די ווייסע האָבן דערמיט ניט מאַסקים געווען. לאַנג האָבן זיך אונזערע עלטסטע געבעטן בא די ווייסע, אַז זיי זאָלן אונז ניט באַאוולען, ניט גענאַרן — לעבן בעשאָלעם. די ווייסע האָבן גאָרניט געוואָלט הערן און געלאַכט. דעמאָלט האָבן אונזערע עלטסטע דערזען, אַז מע דאַרף מיט גוואַלד צוריק אָפּנעמען בא די ווייסע די ערד, אַף וועלכער מיר האָבן געוואוינט. און אונזערע האָבן מיט די ווייסע אַ מילכאָמע פאַרפירט. אָבער די ווייסע האָבן פאַר־

מאַגט אַסאַך ביקסן, האַרמאַטן, — און אונזערע זייגען אומגעקומען. איז אונז געבליבן נאָר אַוועקצוגיין פון אונזער ערד אַלץ ווייטער און ווייטער.

פון דעמאָלט אָן גלויבן מיר ניט די ווייסע.

וואָס רייכער זיי זייִנען אַלץ גרעסערע אַפּנאַרער זייִנען זיי, — האָט וואַר-ראַ-פּי זיין דערציילונג פאַרענדיקט.

(פון פ. כלעבניקאָווס בוך „די רויטהויטיקע“)

## פראַגן:

1. צווישן וועלכע גרויסע מעלוכעס איז די וועלט צעטיילט?
2. מיט וואָס אונטערשיידט זיך ססס"ר פון אַנדערע מעלוכעס?
3. ווי אַזוי האָבן די ענגלענדער אומגעבראַכט די אויסטראַליער?
4. פאַרוואָס האָבן די אינדיאַנער אין אַמעריקע פאַרלאָזן די בעסערע ערד?
5. וועמען רופט מען „קאָלירטע“ מענטשן?
6. צו וואָס פאַרכאַפּן די קאַפּיטאַליסטן פרעמדע לענדער?

## אויפגאַבן:

1. צייכנט אַראָפּ פון דער לאַנדקאַרטע די מאַפּע פון גרויס-בריטאַניע מיט אירע קאָלאָניעס.
2. שטעלט אַליין צונויף אַ דיאַגראַם, וואָס זאָל באַווייזן די פאַרהעלטניסמעסיקע גרויס פון דער ענגלישער מעטראָפּאָליע און אירע קאָלאָניעס.

**וואָס איז דאָ צו לייענען וועגן לעבן אין די קאָלאָניעס:**

מולטאַטולי — סאַאיד און אַדינדע.

# 2. אין די קאָלאָניעס פונם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד

## וואָס קאָסט אַ שיינער טעפּיך

שטעלט זיך פאָר אַ נידעריקן צימער, וואוהין ליכט דרינגט אַריין נאָר דורך אַ לאָך אין דאַך. די ווענט און דער דיל פון דעמדאָזיקן צימער זיינען פון ערד, און אויסגעבעטן זיינען זיי מיט אַזאַ מין גראָבן געוואַנט (וואָליק). דערפון ווערן אַלע קלאַנגען דערשטיקט, און די מענטשן זעען דאָרטן אויס ווי שטילע שאָטנס. אויפן דיל, אַרונטערגעבויגן אונטער זיך די פיס, זיצן קליינע פיגורקעלעך. דאָס זיינען קינדער. וויפל זיינען זיי דאָ? אַמאָל זיצן אין אַזאַ צימער פיר, אַמאָל זעקס קינדער, און אַמאָל מער אויך. זיי זיצן און האַלטן נידעריק אַנגעבויגן זייערע קעפּלעך איבער גרויסע שטריק-ראַמען, אויף וועלכע עס ווערן געשטריקט טעפּיכער. נעבן יעדן קינד ליגן גרויסע פאַרשיידנפאַרביקע קנוילן וואָל: רויטע, בלאָע, גרינע, לילאָווע, געלע. קינדערשע אויגלעך קוקן אויפמערקזאַם אויפן טעפּיך-אונטערשלאַק, קינדערשע הענטלעך צופּן דעם קאָלירטן וואָל.

אַ געניטע אַלטע טעפּיך-שפּינערין שטייט איבער די קינדער און מיט אַ צעצויגענער שטים קאָמאַנדעוועט זי מיט זיי, וואָס זיי זאָלן טאָן, פון וואָס פאַר אַ קאָליר זאָלן זיי אַ וואָלענעם פאָדעם דורכן טעפּיך-אונטערשלאַק דורכפירן.

— אַ רויטן פאָדעם! — זאָגט זי, און די קינדערשע הענטלעך כאַפּן זיך צו די רויטע קנוילן וואָל.

— איינס, צוויי, דריי, — קאָמאַנדעוועט זי, און אַלע קינדערלעך, אין פאַרשיידענע עקן אַרום דער שטריק-ראַם רוקן אַריין דעם פאָ-

דעם אין טעפּיך־אונטערשלאַק. נאָכן רויטן פּאַדעם קומט דער בלאַ־ער, געלער, — יענער, וואָס דאַרף קומען לויטן געמעל נאָך. דידאַ־זיקע פּעדים לייגן זיך אויס אָפּן טעפּיך אין קעסטעלער, ציִען זיך אויס אין טורעמלעך. קעדיי אַף אַזאַ אויפן אויסצושפּינען אַ טע־פּיך דאַרף מען האָבן אַ גאַנצן יאָר צייט, אַמאָל נאָך מער, מע דאַרף האָבן לאַנגע כאַדאָשים נודנע אַרבעט, אַרבעט פון באַגינען ביז שפּעטן אָוונט.

וואָס זשע זיינען דאָס פּאָר אַ קינדער? וואָס צווינגט זיי צו זיצן אין דעם פאַרשטיקטן ביידל, אָן לופט און זון, זיצן אַף אַזאַ מין אַר־בעט לאַנגע שאָען, כאַדאָשים און אַפילע יאָרן?

אַזעלכע קינדערלעך האָט מען אין די פריערדיקע יאָרן גע־קאָנט זען בא אַזאַ מין אַרבעט אין פאַרשיידענע געגנטן אין קאַוו־קאַז. אַזוי האָבן טעפּעכער געשפּינען די טשעטשינער, אָסעטינער און אַסאַך אַנדערע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין קאַווקאַז ביזן היינטיקן טאָג.

נאָר אַמאָל, מיט אַסאַך יאָרן צוריק, זיינען זיי געווען פרייע שוואַ־טים. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פי־צוכט, מיט פאַרשיידענע מע־לאָכעס און ערד־אַרבעט. איבערהויפּט זיינען באַקאַנט געווען די טשערקעסן מיט זייערע פרוכט־גערטנער. אָבער אין אָנהויב פון XIX־טן יאָרהונדערט איז קיין קאַווקאַז געקומען דאָס מיליטער פונם רוסישן קייסער און אָנגעהויבן אונטערדריקן די אָרטגעביר־טיקע. לעכאַטכילע האָבן די קאַווקאַזער פעלקער געפּרוואווט זיך אַנטקעגנשטעלן. אָבער די רוסישע האָבן געהאַט מיט זיך האַרמאַטן, און די אָפּגעשטאַנענע קאַווקאַזער פעלקער האָבן עס ניט געהאַט. די רוסן האָבן פאַרמאָגט אַ גוט אויסגעמושטירטע אַרמיי, און די קאַווקאַזער פעלקער האָבן זיך געווערט איינציקווייז, יעדערער באַזונדער, און יעדעס פאָלק האָט געהאַט זיין באַזונדערע, ניט זייער גרויסע מאַכנע. דער קאַמף איז געווען אַ קאַמף ניט פון גלייכע קווי־כעס, און, ביסלעכווייז, האָבן די אָרטגעבירטיקע אָנגעהויבן פאַר־לאָזן די איינגעזעסענע און פרוכטבאַרע ערטער און זיינען אַוועק

אין די בערג. אין די בערג קען מען קיין גוטע ערדאַרבעטערישע ווירטשאַפט ניט פאַרפירן. און די רוסישע אַרמייען האָבן זיי אַלץ געטריבן, אַלץ טיפער און טיפער אין די קאַווקאַזער בערג. זיינען גאָר אין קורצן די קאַווקאַזער פעלקער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרעמע קנעכט פונם רוסישן קייסער.

די צייטן זיינען דעמאָלט אָבער געווען אַזעלכע, אַז פאַרקויפן און בייטן מענטשן האָט שוין ניט געלוינט; דערפאַר האָט מען בא זיי אָפּגענומען אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די בעסערע ערדן האָבן זיך צוגענומען די צאַרישע גענעראַלן, וועלכע זיינען אַף אַזאַ אופן געוואָרן גרויסע ערד־באַזיצער — פּריצים. קעדיי צו היטן די נייע פּריצישע גיטער, און אַף „איינצושטילן" די באַרג־איינוואוינער, וואָס האָבן נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַר ליב אָננעמען די קנעכטישע לאַגע זייערע, האָט די צאַרישע רעגירונג באַזעצט אַף די איבעריקע בעסערע ערדן קאַזאַקן און פּויערים פון די רוסישע גובערניעס. מע האָט זיי באַזעצט דאָרטן אין די טויזנטער, באַוואָפנט זיי, באַשאָנקען זיי מיט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס. אַ רוס, לע־לעמאָשל, האָט געקאָנט טויטן אַ באַרג־איינוואוינער און קיין שום שטראָף האָט אים דערפאַר ניט דערוואַרט. אויב אָבער אַ באַרג־איינוואוינער האָט פאַרטשעפּעט אַ רוס, זיינען באַשטראָפט גע־וואָרן גאַנצע אַאולן (דערפער) און מ'האָט בא זיי אָפּגענומען דאָס גאַנצע פי. אין אַזעלכע באַדינגונגען זיינען די רוסישע איבערוואַנ־דערער, פאַרשטייט זיך, גיך רייך געוואָרן, שנעל פאַרוואַנדלט זיך אין באַלעגופים, טאַקיפים. אַזעלכע זיינען טאַקע זייער שנעל גע־וואָרן פיל פון די טערעקער און קובאַנער קאַזאַקן. אַף די באַרג־איינ־וואוינער האָבן זיי געקוקט ווי אַף „גאַזלאָנים", „שווינדלער", האָבן קעסיידער געהאַלטן אין איין דערנידעריקן זיי, באַאַוולענען. זיינען די באַראַבעוועטע קאַווקאַזער פעלקער, פאַריאָגטע אין די שטיינער־בערג, פאַראָרעמט געוואָרן, פיל פון זיי זיינען אויסגע־שטאָרבן. זיי האָבן קיין אַנדער ברייטע ניט געהאַט, — זיי האָבן געמוזט אָדער גיין אַלס לוין־אַרבעטער צו די רייכע רוסן, אָדער דורך

שוועדער פּראַצע, ווי, לעמאַשל, דורך טעפּיך־שפּינעריי, פאַרדינען זיך אַ ביסן ברויט. די רוסישע סאָכרים פּלעגן פאַר גראָשנס אויפ־קויפן דידאַזיקע קאַווקאַזער טעפּעכער און דערנאָך פאַר הויכע פּרייזן פאַרקויפן זיי אין רוסלאַנד און אויסלאַנד. די אייראָפּייאישע, אַמעריקאַנישע גווירים האָט זייער ליב געהאַט צו קויפן דידאָזיקע שיינע און שטאַרקע טעפּיכער און קיינער האָט דערביי קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן ס'אַרא שרעקלעכע נויט עס צווינגט מענטשן צו זיצן יאָרן לאַנג איינגעהויקערטע איבער די פאַרשיידנקאָלירטע פעדים, וויפל בליענדיקע קינדערשע לעבנס עס זיינען אומגעקומען בא דידאָזיקע פריילעכע געמעלן.

## וועגן קירגיזן, קאַלמיקעס און באַשקירן

די רוסישע צאַרישע רעגירונג איז זיך באַגאַנגען ניט בעסער אויך מיט אַנדערע קליינע פעלקער. פון די אוראַלטע צייטן אָן האָבן אין די סטעפּעס פון דאָרעם־אוראַל און דאָרעם־סיביר אַרומגעוואַנדערט קאַלמיקעס, באַשקירן, קירגיזן, טונקל־האַריקע, ברוין־הויטיקע, מיט ברייטע באַקן־ביינער און שמאָלע אויגן. האָבן דידאָזיקע פעלקער, לויט זייער אויסערלעכן אויסזעען, שאַרף זיך אונטערשיידט פון די רוסן. גוטע ערד האָבן זיי פאַרמאָגט, גוטע טשערעדעס פי און טאַבונעס פערד. אָט דידאָזיקע ערד און די טשערעדעס האָט די צאַרישע רעגירונג אָנגעהויבן צונעמען בא זיי. באַנוצט האָט זיך דערביי די צאַרישע רעגירונג סיי מיט גוואַלדטאַטן, סיי מיט שווינדל. דיהאָזיקע פעלקער, — וואַנדער פעלקער, — האָבן מיט ערדאַרבעט זיך ניט געקאָנט פאַרנעמען. זיינען אויסגעוואַקסן אָף זייערע ערדן פּריצישע הייזער, פאַבריקן און זאַוואָדן, זיינען דאָרט באַזעצט געוואָרן, ווי אין קאַווקאַז, קאַזאַקן און רוסישע פּויערים פון אַנדערע גובערניעס. און ווי אָף קאַווקאַז, אַזוי אויך דאָ, האָבן די רייכע רוסן געקוקט אָף די מענטשן, וואָס זיי האָבן באַגאַזלט, ווי אָף נידעריקערע באַשעפענישן, ווי אָף „אומריינע", „פערדישע קעפּ", „פּוליאַקעס".

דער גרעסטער און שווידערלעכסטער פאגראם אף קירגיזן איז געמאכט געווארן א גאנץ קליינע שטיקל צייט פאר דער רעוואַ־לוציע, אין 1916 יאר. צו יענער צייט האבן די קירגיזן, וואס האבן געוואוינט אין סעמירעטשיע (מיטל־אזיע) קיין ערד קימאט שוין ניט געהאט, און זיי האבן זייער אייגן ערד געמוזט נעמען בא די רוסן אין ארענדע און צאלן געלט דערפאר, אדער פארדינגען זיך אלס באטראקעס. עס זיינען געווען פאלן, ווען אן ארטגעבירטיקער באטראק האט באקומען פאר 18 שא ארבעט יעדן טאג דריי רובל פארן גאנצן זומער. אויסערדעם האבן נאך די רייכע רוסן גענארט און באשווינדלט די קירגיזן אף יעדן טריט און שריט. די סינע פון די קירגיזן צו די רוסן איז דעריבער שטארק געוואקסן, אבער זיי האבן גארניט ניט געקאנט מאכן, מאכמעס זיי, די קירגיזן, האבן קיין געווער ניט פארמאגט. איין גליק איז כאטש געווען: די צארי־שע רעגירונג האט די קירגיזן אין דער ארמיי ניט גענומען, זי האט מוירע געהאט, אז די פארשקלאפטע פעלקער וועלן זיך אויסלערנען באנוצן מיט געווער און וועלן ארויסטרעטן אנטקעגן איר. אבער אין 1916 יאר איז פלוצלונג אנגעקומען א באפעל צו מאביליזירן די קירגיזן אף גראבן טראנשייעס (שוצגראבנס) און אפטאן אנ־דערע שווערע ארבעטן הינטערן שלאכטפראנט. (אין יענער צייט האט די צארישע רעגירונג געפירט א שלימאזלדיקע מילכאמע מיט דייטשלאנד און מיט עטלעכע אנדערע לענדער). די קירגיזן האבן באשלאסן ניט צו פאלגן דידאזיקע באפעלן. איז אנטקעגן זיי ארויס־געשיקט געווארן מיליטער. די צארישע רעגירונג האט באשלאסן איינמאל פאר אלע מאל פאטער ווערן פון די קירגיזן: א טייל אויס־שעכטן, א טייל פארטרייבן קיין כינע און אלע ערד זייערע פאר־כאפן פאר אירע מענטשן.

האט זיך אנגעהויבן א בלוטיקער פאגראם. פאר יעדן דערהאר־געטן רוס האט מען געטויט צענדליקער קירגיזן, און ניט פאשעט געטויט, נאר אף שטיקער געשניטן. מע האט געשאכטן פרויען און קינדער, מע האט פארברענט און טאכאס-כערעוו געמאכט טויזנ־

טער קירגיזישע הייזער. צענדליקער טויזנטער אנגעשראָקענע קיר־גיזן האָבן זיך ווירקלעך אַ לאָז געטאָן אין כינע. אַפֿן וועג זײַנען פֿיל פֿון זיי אויסגעגאַנגען פֿון הונגער און נויט.

נאָך דעמדאָזיקן פּאָגראָם האָט זיך די צאָל קירגיזן אין סעמי־רעטשיע פֿאַרקלענערט אויף 35%, ד. ה. מער ווי אויף אַ דריטל.

## ווי אַזוי מע האָט געראַבעוועט די פֿעלקער פֿון עקסטן צפֿון

אויפֿן עקסטן צפֿון־רוסלאַנד, בײַ די סאַמע ברעגן פֿונם אײַז־ים, וווינען פֿיל קליינע פֿעלקערשאַפֿטן. די מער באַוווּסטע צווישן זיי זײַנען די יאַקוטן, סאַמאָיעדן, אָסטיאַקן, טונגוסן. דאָס זײַנען רעשט־לעך פֿון שוואַכע, וואָס זײַנען אַמאָל פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון די דאָרעם־לענדער. צווישן שנייען און אײַז וווינען מענטשן, בײַ וועמען די פּענעמער זײַנען ברוינלעך, די האָר — שוואַרץ, די אויגן — שמאָלע, ווי זיי וואָלטן זיך פֿון דער זון־ליכט געשטשורעט. מיט קיין ערד־אַרבעט קאָן מען זיך אויפֿן עקסטן צפֿון ניט פֿאַרנעמען, און פֿון שטוב־חיות קאָן מען דאָרטן האַלטן נאָר הינט אָדער הירשן. דידאָזיקע הירשן זײַנען דאָס טאַקע דער הויפּט־פֿאַרמעגן פֿון די אָרטגעבירטיקע. אויסער הירשן־צוכט פֿאַרנעמען זיי זיך נאָך מיט יאַגד און פֿישפֿאַנג.

אַסאַך פֿעלן פֿון פֿאַרשיידענע חיות פֿלעגן זאַמלען דידאָזיקע שוואַכטים. פֿון וועווערקעס, הירשן, פֿוקסן, וועלף, בערן און סויבּ־לען. דידאָזיקע פֿעלן זײַנען געפֿעלן געוואָרן די רוסישע סוחרים. בעשאַס עס האָט נאָך געקיניגט איוואַן דער גרויזאַמער (אין 16־טן יאָרהונדערט) האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין סיביר די רוסישע סוחרים און אָנגעהויבן אַרויסנאַרן בײַ די אָרטגעבירטיקע אָדער אויסבײַטן דידאָזיקע פֿעלכלעך. און ווידער איז פֿאַרוים די סאָכ־רים געגאַנגען אַ באַוואָפֿנטע מאַכנע. מע האָט ביסלעכווײַז פֿאַר־טריבן די אָרטגעבירטיקע פֿון די בעסערע ערטער און מיט גוואַלד פֿאַרנומען זייערע פּלעצער. אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן דאָס סיבי־

רער קאָזאָקנטום. דעמאָלט איז פאַר די סאָכרים גרינגער געוואָרן דורכצושטופּן זיך צו די יאַגד־שוואַטים, און אַרויספירן פון דאָרטן די טייערסטע פעלצן: זומערצייט פלעגן די סאָכרים זיך לאָזן מיט די טייכן אין די סאַמע ווייטסטע ווינקעלעך. זיי פלעגן ברענגען מיט זיך מעל, פולווער, קוילן און מעסערס פאַר די יעגער. זיי פלעגן אויך ברענגען מיט זיך גלעזערנע פאַטשערקעס, מעשענע רינגלעך און אַנדערע ביליקע צאַצקעס. אָבער מער פון אַלץ פלעגן זיי ברענגען מיט זיך בראָנפן. מענטשן, וואָס פלעגן צו 10 כאַדאָשים דורכאַנאַנד ניט זען די זונען־שיין, וואָס האָבן ניט געקאָנט ניט לייענען, ניט שרייבן, פלעגן זיך כאַפּן צום בראָנפן, ווי צו דאָס סאַמע טייערסטע. און די סאָכרים פלעגן פאַרן בראָנפן נעמען אַזאַ פּרייז, ווי עס האָט זיך זיי אַליין געוואָלט.

וואו נאָר זיי פלעגן קומען פלעגט זיך אָנהויבן אַ שווידערלעכע שיקרעס. אַ שיקערן מענטשן איז שטענדיק לייכטער אָפּצונאַרן. פלעגן טאַקע די רוסישע סאָכרים צונעמען באַ זיי די טייערסטע פעלצן פאַר חאַלב־אומזיסט. גאַנץ אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז פאַר בראָנפן פלעגט אַן אַרטגעבירטיקער פאַרקויפן די פעלצן פון די כאַיעס, וואָס ער האָט ערשט גערעכנט צו כאַפּן אין קומענדיקן יאָר. דעמאָלט פלעגט געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך: אַף אַ שטעקעלע פלעגט דער סאַמאָיעד אָדער דער יאַקוט מאַכן אַזויפיל קאַרבן, וויפל צענד־ליקער וועווערקעס אָדער פוקסן־פעלכלעך ער דאַרף צושטעלן אין קומענדיקן יאָר, און דער רוסישער סוחער פלעגט אים דערפאַר געבן עטלעכע פלעשלעך בראָנפן. אַ גאַנצן ווינטער האָט דערנאָך געמוטשט די קויבעס זיינע אונטערטייען דער מענטש, וואָס האָט זיך פאַר־קויפט פאַר אַ טרונק בראָנפן. גאַנץ אָפט האָבן נאָך דערביי די רוסישע סאָכרים אונטערגעשווינדלט אויך און פלעגן זייערע כוי־וועס אויפמאָנען צו עטלעכע מאָל פאַר איין און דערזעלביקער פלאַש בראָנפן.

די סאָכרים פלעגן ברענגען מיט זיך ניט נאָר בראָנפן, נאָר אויך אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, און אַזוי ווי אין יענע לענדער זיינען

ניט געווען ניט קיין דאָקטוירים, ניט קיין שפּיטאָלן, פלעגן פון די־דאָזיקע קרענק אויסשטאַרבן גאַנצע שטאָטים. און האָס רוויכוואָרג, וואָס די סאָכרים פלעגן ברענגען מיט זיך פון צאָפן פלעגן זיי פאַר־קויפן פאַר הויכע פרייזן צו רייכע מענטשן אין רוסלאַנד, אָדער קיין אויסלאַנד און האָבן געמאַכט דערביי ריזיקע פאַרמעגנס.

## אַ רוס איז אַ מענטש, ניט קיין. רוס איז אַ הונט

די צאַרישע רעגירונג האָט מיט אַלע מיטלען געהאָלפן ראַבע־ווען די שבייטישע פעלקער. צוליב דעם האָט זי דערלויבט, ווי מיר האָבן עס שוין פריער געזען, אומבאַשטראָפט צו טויטן די אָרט־געבירטיקע, דערלויבט צו באַשווינדלען און פאַרשיקערן זיי. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ — די צאַרישע רעגירונג האָט זיך מיט אַלע מיטלען געסטאַרעט צו פאַנאַנדערבלאָזן אַ נאַציאָנאַלע סינע, זי האָט געלערנט די רוסן צו קוקן אַף מענטשן פון אַן אַנדער נאַציע, ווי אַף סאָנים און באַציען זיך צו זיי, ווי צו הינט. אין די שולן, אין די קלויסטערס האָט מען געהאַקט די קינדער אין קאָפּ אריין, אַז מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין רוסן, וואָס האָבן אַן אַנדער שפּראַך אָדער אויסזען — זיינען גאָר קיין מענטשן ניט, נאָר עפּעס אוים־וואוחפּן, און עס איז קיין שום בייז ניטאָ דערין, וואָס זיי שטאַרבן אויס, קומען אום. אפילו באַ היינטיקן טאָג קאָן מען נאָך באַגע־גענען אַזעלכע פינצטערע מענטשן, וואָס מיינען, אַז די רוסישע נאַציע, — דאָס איז אַ גרויסע און גוטע נאַציע, אָבער טשערקעסן, באַשקירן, קירגיזן, יאַקוטן, אידן — זייגען גאַרניט ווערט. דאָס אַלטע זיצט נאָך עפּעס אין אַזעלכע מענטשן און מאַכט זיי בלינד, און זיי זעען ניט, אַז אַלע מענטשן, צו וועלכער נאַציע זיי זאָלן ניט געהערן, ווערן אַף איין און דעמזעלבן אויפן געבאָרן אַף דער וועלט, ווילן לעבן און ווי אַלע אַרבעטן זיי און מיען זיך.

---

# דער קאָזאַק פּאַראָכניא

דער קאָזאַק פּאַראָכניא האָט אַ רייכע באַלעבאַטישקייט.

יעדן זומער דינגט ער זיך אָן פאַרשיידענע שלעפּער אַף אַרבעט. מע דאַרף אַראָפּנעמען די טוואָועס, ס'איז פאַראַן גערטנער, אַ גרויסע טאַבאַק־פּלאַנטאַציע — אומעטום באַדאַרף מען אַרבעט־הענט און, — דעריקער, — עס זאָל ניט טייער קאָסטן.

אַרום און אַרום וואוינען בולגאַרן, טשערקעסן, טשעכן. עס קומען פון די ווייטע מעקוימעס האַלב־נאַקעטע רוסישע אָרעמע פּויערים.

פּאַראָכניא האָט זיך געקאָנט גוט דינגען, ביז כאַלאַשעס.

אַ טשעך איז שווער צו קריגן אַף אַרבעט, ער האָט זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט; דערפאַר איז אָבער גרינגער פון אַלץ אַרויסצוזויגן די אַצאַמעס פון אָן אָרעמען שלעפּער, וואָס קומט פון דער ווייט, פון האַלב־הונגעריקן צאָפן, מיט זיין ליטווישער קאַסע אין אַ שמאַטקעלע פאַרוויקלט. עס איז אויך ניט שווער פאַר אַ שיבעש צו דינגען זיך אַ טשערקעס.

...עס איז געשטאַנען אַ פיינער, ליבער יוני־אָוונט. גאָלדענע שטראַלן זיינען געפאַלן אַף די געלע קעפּ פון דעם זונען־קערלעך פעלד.

דער באַלעבאָס איז געזעסן אַפן הויף בּאַ אַ נידעריקן קאַזאַקישן טישעלע.

דאָס האַרץ האָט זיך באַם קאָזאַק געקוויקט פון קוליש מיט די ראַזעווע שטיקעלעך כאַזער־שמאַלץ, פון דער ווישניאָווקע איגם בלויען קעלישעקל.

ער האָט זיך אָנגעלייגט אַ דריטע שיסל עסן, און, אויפהויבנדיק די אויגן, קיין טראָפּן אַפילע ניט פאַרוואונדערט זיך: אַנטקעגן אים זיינען געשטאַנען צוויי באַרג־אינגלעך און צעריסענע בעשמעטן *.

---

* בעשמעט — אַזאַ מין באַלאָט.

אַף די אויסגעבלייכטע פון הונגער פענעמלעך האָבן בעטנדיק גע־שיינט גרויסע שוואַרצע אויגן.

— וואָס באַדאַרפט איר, יונגאַטשעס?

— אַרבעט! קיין אַרבעט איז ניטאָ?

— האָסטו געזען אַזעלכע בעריעס! פון וואַנען זייט איר עס?

— פון ווייט, — האָט איינער פון די אינגלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — פון די בערג.

— אַסאַך בערג איז אַרום פאַראַן; דער שעד האָט זיי אַ פולן קויש געטראָגן און אומעטום פאַרזייט.

— דעם אַלט־אַבוקאַוון כוטאָר ווייסטו?

— וואָסער טייוול קאָן אים ניט! — האָט פאַראַכניא גראָב אַ זאָג געטאָן.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי, ברייט צעעפנט די טונקעלע שמאַלציקע ליפּן און אַרייַנגעוואָרפן אין מויל אַ גרויסע לעפל געקעכץ.

די אינגלעך זיינען שטיל געשטאַנען, האָבן מוירע געהאַט אַפילע אַ וואונק טאָן איינער צום אַנדערן.

פאַראַכניא האָט געגעסן לאַנג און מיט געפיל. ער האָט מיט זייַנע פעסטע ציין גוט געריבן דעם ברויט, פאַרטרונקען מיט וויש־ניאַווקע, געשלונגען שטיקער געקאָכטן כאַזער־פעטס און, לעסאָף, אַ גרעבץ געטאָן. דאָס האָט געהייסן, אַז עסן האָט ער שוין גע־ענדיקט.

— און איר שטייט נאָך אַלץ? ניטאָ, ניטאָ! גייט אייך געזונ־טערהייט.

— פעטערל! — האָט דער קלייַנער כאַנוק אויסגעשריען גאָר ווי אַ רוסיש אינגל, — מיר וועלן פאַר דיר אַרבעטן!

— אַלע אַרבעטן בייַ מיר. פאַר געלט מיינסטו ליגט מען אָפּן אויוון?

— מיר וועלן גוט אַרבעטן, — האָט דער קלייַנער כאַנוק אומ־אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט.

— אלע ארבעטן גוט! אוועקט פון דאנען!
ביידע טשערקעסן־קינדער האבן די קעפלעך אראפגעלאזן און אוועק פון הויף.

פאראכניא האט א ביסל א טראכט געטאן:

— שטיי! קומט אהער! אף פלאנטאציעס האט איר געארבעט? טאבאק־בלעטער וועט איר אפקלייבן. קיין געהאלט וועט ניט זיין — א שווערער יאר. עסן וועל איך געבן...

פאראכניא האט א פויק געטאן אין טיש. פון הינטער דער שטוב איז געקומען צו גיין אן אלטער אין א שאפענעם היטל און מיט א הויקערדיקער נאז.

— באט־מורזא, אט האסטו א פאר גראנגערלעך פון דיין גלויבן. שטעל זיי אוועק אף דער פלאנטאציע; זע נאר, זיי זאלן ארבעט דערלאנגען.

— גוט, איוואן ניקיטיטש!

דער אלטער האט מיט א געמאכטער שטרענגקייט א קוק געטאן אף די יאטן און מיטן קאפ א שאקל געטאן:

— קומט מיט מיר.

כאנוק און מעדזשיד האבן זיך פריילעך צעשמייכלט.

אף זייערע פענעמלעך, וואס זיינען מיט זאפט פון געגאנוועטע אוגערקעס געווען אויסגעשמירט, האט זיך באוויזן א צארטער קינדערשער געפיל־אויסדרוק. זיי זיינען דאנקבאר געווען.

— פון וואנען?

— פון אלט־אבוקאווע!

— טשערקעסן?

— דו האסט ריכטיק געזאגט, כאדזשא*.

— נו, נו! — האט דער אלטער א צופרידענער א ברום געטאן, — איך בין ניט קיין כאדזשא, איך וועל קיינמאל קיין כאדזשא ניט זיין. דער ארבעטער האט קיין צייט ניט ארומצושלעפן

* כאדזשא — האר, איינער וואס איז געווען אין די „הייליקע“ ערטער.

זיך איבער די הייליקע ערטער. אט וועל איך אייך באווייזן אן ערטעלע גאר ניט קיין הייליקס. קומט מיט מיר.

— באט־מורזא האט מיט דער שטעקעלע געבראכט צופירן די קינדער אף דער טאבאק־פלאנטאציע.

די זון האט זיך אראפגעשארט. באט־מורזא האט מיט א טעמפן מעסער אפגעשניטן עטלעכע פענעצלעך קלעפיקן ברוים פון טערקישן ווייץ, געגעבן די קינדער און באוויזן, וואו עס ליגט דאס גריבל מיט פארבלאטיקע וואסער: פון יענעם גריבל האבן זיי געמעגט טרינקען, וויפל עס האט זיך זיי געגלוסט.

שלאפן האט מען זיך געלייגט אין א בײדל, וואס איז געפלאכטן געווען פון קוקורוזע שטרוי און טאבאק־צווייגן.

אין ביידל האט געשמעקט מיט טרוקענע גראזן, שוין לאנג האבן אזוי געשמאק ניט געשלאפן די צוויי יונגע שלעפערלעך, כאנוק און מעדזשיד, ווי זיי האבן געשלאפן היינטיקע נאכט.

שוין די צווייטע וואך, ווי די אינגלעך ארבעטן אף דער פלאנטאציע. די הויט אף די הענט איז בא זיי צעפלאצט געווארן, דער גיפטיקער זאפט פון די טאבאק־בלעטער גייט אריין אין בלוט, און עס ווארפט זיי קעסיידער אין א קאדאכעס. עס איז זיי אויסגעקומען צו טרינקען שמוציקע וואסער, עסן טרוקענעם ברויט; בלויז אין די זונטיקן פלעגט מען זיי געבן א לינזן־זופ, אדער א בעבלעך־קאשע, וואס איז צוגעפראוועט געווען מיט בוימל־שוים; די קאשע איז געווען פונקט אזוי שלעכט, ווי דאס וואסער.

פארן טאג פלעגן די קינדער אזוי פארמאטערט ווערן, אז זיי פלעגן קוים איינשלאפן.

דער קאפ טוט וויי, דער רוקן ברעכט. די הענט און פיס קאנען זיך קיין ארט ניט געפינען.

מעדזשיד לייגט זיך אזוי און אנדערש, ביז וואנען כאנוק צעשרייט זיך אף אים:

— פעשטשע זיך נאך א ביסעלע! ווי דו זאלסט ניט ארומפויזן איבער דער ערד, — קיין פוכאווע פערענעס וועסטו דא ניט

געפינען. שוואַרצאַרבעטער זיינען מיר דאָך. עפּעס, — שלאָף, ווי עס מאַכט זיך.

דער אַלטער באַט-מורזאַ איז אויך געשלאָפן אין ביידל.

צום סאַף זומער איז דאָס ביידל אַביסל צעקראָכן געוואָרן: אין דאַך האָבן זיך לעכער באַוויזן, מאַכמעס דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פון דאָרטן עטלעכע צווייגן. אָבער דאָס איז געווען אַ קנאַפּער אומגליק: רויט-בלאָע שטערן האָבן אין ביידל אַריינגעשיינט, געוואונקען פון הימל אַראָפּ.

באַט-מורזאַ איז צופרידן געווען, ווען די קינדער פלעגן ניט מיט אַמאָל איינשלאָפן: אַלטע לייט שלאָפט זיך שלעכט, האָט זיך באַט-מורזע קאַמפּאַניע געזוכט.

— שלאָפט, וואָס האָט איר זיך צערודערט, ווי די הינער? קיין שלאָף נעמט אייך ניט!

— דיר שלאָפט זיך אויך ניט.

— באַ אַן אַלטן מאַן איז עס שוין אַזוי: ער עסט ווייניק, שלאָפט ווייניק...

— אַרבעטן אַרבעטסטו נישקאָשע.

באַט-מורזאַ האָט מיט אַ שעפּמשנדיקער שטים אַ זאָג געטאָן, כאָטש קיינער האָט דעם געשפּרעך ניט געקאָנט אונטערהערן:

— אָפן באַלעבאָס. אַף אים באַדאַרף מען אַלע קויכעס אַוועקלייגן.

— אַסאַך קויכעס לייגט ער אַף דיר אַוועק?

באַט-מורזאַ האָט זיך געקראַצט, — פליי האָבן אים געביסן, — און מיט די הענט זיך צעפּאַכט:

— אַן אַווירע! ס'איז אַן אַווירע אַזוי צו ריידן! באַלעבאַטים זיינען שטענדיק געווען; אַף זיי פלעגט מען שטענדיק אַרבעטן, און זיי פלעגן דערפאַר עסן געבן.

און ער האָט זיך גענומען דערציילן מאַיסעס, וואָס ער האָט געהערט פון די זיידעס און עלטער-זיידעס: ווי שלעכט עס האָט זיך די טשערקעסן געלעבט אין די בערג, ווי מען האָט זיי פאַרטריבן הינ־

טערן מיכאַילאָוו־בארג, ווי די רוסישע גענעראַלן האָבן זיי רוי־
אינירט.

לעבט דעריבער איצט דער טשערקעסישער שיוועט וואו עס
מאַכט זיך, אין טערקיי, אין ווייטן מיצראַים, אַפילו אין אינדיע.

און אינדערפרי, אָפּגעפרישטע נאָכן יונגן שלאָף, האָבן כאַנוק
און מעדזשיד פלינק געבונדן די טאַבאַק־בלעטער, אין אַ גוטער
אָרדענונג אויסגעהאַנגען זיי אויף די פלעקער.

אויף דער פּלאַנטאַציע האָבן געאַרבעט אַנדערע אַרבעטער אויך,
אָבער זיי האָבן זיך געפונען הינטערן ראַוו און דעריבער ווייניק
געשמועסט מיטן אַלטן און מיט די קינדער.

אין איינער אַ נאַכט האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם־
ווינט.

פון שוואַרצן הימל, פון הינטער די וואָלקנס האָבן זיך בליצן
געשאָטן, אַ ווייטער דונער האָט ערגעץ אויף זיין רייט־וואָגן געריטן;
עטלעכע שווערע טראָפּנס זיינען אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן, אָבער
קיין רעגן איז ניט געגאַנגען, און דער שטורעם־ווינט האָט זיך גע־
שטאַרקט.

באַ באַט־מורזא האָבן די פיס זייער שטאַרק ווי געטאָן, אָבער
ער האָט דערויף קיין אַכט ניט געלייגט, — פון ביידל אַרויסגע־
קראָכן, און זייער פלינק גענומען זיך דעם טאַבאַק צונויפקלייבן
און געשעפּטשעט:

— אַללאַך זאָל פאַרהיטן! קינדער, איך באַשווער אייך —
קלייבט גיכער צונויף דעם טאַבאַק!

אָבער מעדזשידן און כאַנוקן איז ניטאָ וואָס צו בעטן: זייערע
הענטלעך האָבן פלינק געאַרבעט.

אין איין רעגע האָבן זיי אַ פול ביידל אָנגעשטאָפּט. אָבער זיי
האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דער גאַנצער טאַבאַק וועט אין ביידל
ניט אַריין.

דער אַלטער איז אויסער זיך געווען: ער איז, ווי אַ פאַרסטעמטער
אַרומגעלאָפן, געזוכט אַן אייצע, ווי אַזוי בעסער דעם טאַבאַק צו

פאַרהיטן, אָבער ער האָט צו גאָרניט ניט דערטראַכט זיך, און צע־
וויינט זיך ווי אַ קליין קינד.

אַ דונער האָט גאָר נאָענט אַ טראַסקע געטאָן, און מיטאַמאָל
האָט אַ גרויסער רעגן אַ כליופּע געטאָן.

אויסבאַהאַלטן זיך איז ניט געווען וואו.

די קינדער האָבן זיך אָפּ דער ערד אַ וואָרף געטאָן, צוגעדעקט די
קעפּלעך זייערע מיט די העמדלעך, מאַכמעס עס האָט זיי זייער
שטאַרק געשראָקן דאָס בלענדנדיקע ליכט פון די בליצן.

דער רעגן האָט געשמיסן אָן ראַכמאָנעס. גרויסע וואַסער־שטראָ־
מען האָבן מיטגעריסן מיט זיך די טאַבאַק־בינטלעך.

דער טאַבאַק איז אין וואַסער געשוואומען און איז אומגעקומען.

— קינדער, איך שטאַרב—האָט דער אַלטער געקרעכצט:—אַ קאַ־
דאָכעס האָט מיך געכאַפּט, איך קאָן מיט אַ גליד ניט אַ ריר טאָן.

האָט דעמאָלט מעדזשיד, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אָפּן אַלטן זיך
אַרויפגעוואָרפן און צוגעדעקט אים מיט זיין קערפּערל; כאַנוק
האָט דעם אַלטנס פּים צוגעדעקט. אָבער דאָס אַלץ האָט נאָך דעם
אַלטן ניט צעוואַרעמט; ער איז צעפּרוירן געווען, ווי אַ גאַסן־הונט.

שאָען זיינען אַדורך און דער רעגן האָט זיך אַלץ ניט איינגע־
שטילט. פאַר די גערטנער פון דעם רייכן קאַזאַק איז דער רעגן
נויטיק געווען, אָבער פאַרן טאַבאַק איז עס געווען אַ טויט. דער
טאַבאַק, וואָס איז אָפּ די בייטן געבליבן און האָט שוין לאַנג אָפּגע־
בליט וועט פון רעגן אַ וואַסערדיקן ביי־געשמאַק באַקומען און זיין
פּריין וועט פאַלן, און דער טאַבאַק, וואָס איז שוין פון די בייטן
אַראָפּגענומען וועט אינגאַנצן אומקומען.

ווען עס איז געקומען אַ גראָער פאַרנעפּלטער פרימאָרגן, וואָס
איז אינגאַנצן ניט ענלעך געווען אָפּ אַ זומער־פרימאָרגן, האָבן דריי
אַרבעטער דערזען, אַז אומבארירט איז געבליבן נאָר דער סאַמע
אונטערשטער שיכט טאַבאַק, וואָס איז אין ביידל געלעגן, אָבער
אויך אים דאַרף מען וואָס גיכער ראַטעווען, מאַכמעס דאָס וואַסער
שלאָגט זיך אַדורך פון אויבן און פון אונטן.

שרעקלעך איז געווען, ווען פֿאַראַכניא איז געקומען.

— ניט פֿאַרהיט, שלעק! שיידים פֿאַרשאָלטענע! צום געפּרעס זייט איר דאָ...

אויף דער פּלאַנטאַציע, וואָס באַט־מורזא האָט אונטער זיין אויפֿזיכט געהאַט איז דער סאַמער טייערסטער — טראַפּעזונדער טאַבאַק געוואַקסן.

פֿאַראַכניא איז פֿון די קיילים אַרויס.

אין דעם גראָבן גוף האָט אויפֿגעוואַכט דער אַלטער קאָלאָניע־רוּיבער. האָט ער אַרויסגעשלעפּט די נאַהאַיקע פֿון דער ניִדעריקער כּאַליעווע, די ציין צונויפֿגעקריצט. דאָס פֿליישיקע פּנים האָט זיך באַ אים פֿון צאָרן איינגאַנצן צעקרימט, און, אַ הילך טוענדיק, ווי אַ האַלץ־האַקער, האָט ער אַ שרעקלעכן זעץ געטאָן מיט דער נאַהאַיקע באַט־מורזאיען איבערן קאָפּ.

באַט־מורזא האָט אַ וואַיע געטאָן.

פֿון צעהאַקטן נאָז איז גערונען בלוט.

דער אַלטער איז געשטאַנען אויף די קני און די פּלייצע האָט ער איינגעהויקערט. ער איז גרייט געווען צו באַקומען אַזויפֿיל קלעפּ, וויפֿל דער באַלעבאָס וועט אים איינטיילן, מאַכמעס ער האָט געזען, אַז דער באַלעבאָס זיינער, זיין הערשער איז שטאַרק אין קאַס — דאַרף מען ליידן!

באַנאַכט האָבן די קינדער פֿאַרטיידיקט דעם אַלטן באַט־מורזא פֿון שטורעם־ווינט, און איצט האָבן זיי באַשלאָסן צו פֿאַרטיידיקן אים פֿונם צעווילדעוועטן באַלעבאָס.

מעדזשיד האָט אַ קוויטשע געטאָן און מיט די דאַרינקע הענטלעך אָנגעכאַפּט זיך פֿאַר אַ ברייטער קאַזאַקישער הויז. דאַסזעלבע האָט פֿון דער צווייטער זייט כּאַנוק געטאָן.

פֿאַראַכניא איז פֿון קאַס שיר ניט דערשטיקט געוואָרן; אָבער דרייען מיטאַמאָל שלאָגן האָט ער זיך געפֿוילט. צו פּעט איז ער דערויף געווען.

דער באַלעבאָס האָט זיך אָפּ א טרוקענעם בערגעלע טאַבאַק אָנידערגעזעצט און צעוואָיעט זיך:

— רואינירט, אַ טעל געמאַכט!

באַט-מורזאַ איז ווי אַ פּלאַכטע געלעגן אויסגעצויגן.

די נאַסע ערד האָט ניט געהאַלט איינזאַפּן אין זיך דאָס בלוט, וואָס איז אין שטראָמען גערונען פונעם צעפּאַסעוועטן פּאַנעם.

דאָס בלוט פונעם אַלטן קנעכט איז געבליבן אָפּ דער ערד.

**ל. פּאַסינקאָוו.**

## פ ר אַ ג ן:

1. רעכנט אויס די קאָלאָניעס פונם צאַרישן רוסלאַנד, וועגן וועלכע איר האָט געלייענט אין דעמדאָזיקן קאַפּיטל.
2. ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס טערעקער, קובאַנער, סיבירער קאָזאַקנטום?
3. פאַרוואָס איז אין 1916 יאָר פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל קירגיזן אין סעמירעטשיע?
4. פאַרוואָס פלעגן די רוסישע סאָכרים פאַרשיקערן די איינוואוינער פונם ווייטן צאָפן?
5. ווי אַזוי האָט די צאַרישע רעגירונג געלערנט צו באַציען זיך צו מענטשן פון אַן אַנדער נאַציע, ניט פון דער רוסישער?

## אויפגאַבן:

1. געפינט אָפּ דער מאַפּע קאַווקאַז.
2. געפינט אָפּ דער מאַפּע סעמירעטשיע (איצטער — קאָזאַקסטאַן).
3. געפינט אָפּ דער מאַפּע דעם יאַקוטער געגנט.
4. שרייבט אויס די נעמען פון די פעלקער, וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן אין דעמדאָזיקן קאַפּיטל, און בא דער זייט, אַנטקעגן יעדן נאָמען, שרייבט אָן דאָס אַלץ, וואָס איר האָט זיך דערוואוסט וועגן יעדן איינעם פון זיי.

# 3. דאָס לעבן פון די נעגערס אין אַפריקע

## דאָס לאַנד קאָנגאָ

מיר האָבן ליב צו שפּילן אין פּילקעס, קימאַט יעדן טאָג באַנוצן מיר זיך מיט אַ גומע אַף אויסצומעקן די גרייזן, וואָס מיר מאַכן בא זיך אין די העפטן, און קיינמאָל גיבן מיר נישט אַ טראַכט, פון וואַנען נעמען זיך די מאַטעריאַלן צו דידאָזיקע זאַכן, וויפל מענטשלעכע הענט האָבן זיך באַדאַרפט מיען, אַז דידאָזיקע גומקעס זאָלן זיך באַווייזן אַף דער וועלט. און מיר טראַכטן שוין גאָר נישט — ווער זיינען עס דידאָזיקע מענטשן און ווי לעבט זיך זיי.

און די זאַך באַשטייט דערין, וואָס אַפילע מיר, מענטשן וואָס וואוינען אין פּסס"ר, ווען מיר קויפן גומענע כפּייצים, באַנוצן מיר זיך מיט דער האַרעוואַניע פון מענטשן, וואָס וואוינען זייער ווייט פון אונז — מיט דער האַרעוואַניע פון די שוואַרצע אַפריקאַנישע נעגערס.

ווי אַזוי־זשע לעבן דידאָזיקע מענטשן, און וועלכע באַדינגונגען אַרבעטן זיי?

קעדיי צו ענטפערן אַף דערדאָזיקער פראַגע דאַרפן מיר זיך באַקאַנען מיט דאָס לאַנד קאָנגאָ, וואָס געפינט זיך אין צענטראַל־אַפריקע.

געדיכטע טראָפּישע וועלדער באַדעקן דאָסדאָזיקע לאַנד. אין זייערע טיפענישן וואַקסט דער טייערער קאַוטשוק־שטאָק, פּרובירן זיך העלפאַנטן, וועמענס שלאַג־ציינער עס שאַצן זיך אַזוי

טייער; אין דער ערד געפינט זיך צין און קופּער אין אַ גרויסער צאָל.

פון אוראַלטע צייטן אָן לעבן אין קאָנגאָ נעגערישע שוואַטים. געלעבט האָבן דידאָזיקע שוואַטים הויפּטזעכלעך פון יאַגד און פון פי־צוכט. זייער לעבן איז געווען אַ לעבן פול מיט געפאַהן, שווערער פּראַצע, אָבער די נעגערס זיינען געווען פריי און, לויט זייערע מעג־לעכקייטן נאָך, האָבן זיי ביסלעכווייז פאַרבעסערט זייער ווירט־שאַפט, געלערנט זיך איינע בא די אַנדערע פאַרשיידענע מעלאָכעס.

אין 18־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין קאָנגאָ באַוויזן ווייסע מענטשן, פלינקע סאָכרים. דידאָזיקע מענטשן האָבן שוין צו יע־נער צייט געוואוסט, וואָס איז אַ מאַשין, — אין זייערע שטעט זיינען שוין געווען שולן און אוניווערסיטעטן. די „ווילדע" נעגערס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די קולטורעלע אייראָפּייער. קומט דאָך אויס, אַז די קולטורעלע אייראָפּייער האָבן באַדאַרפט אויסלערנען די „ווילדע" ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער פי־צוכט, ווי אַזוי צו זייען ברויט, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון דער ערד די טייערע מע־טאַלן (גאָלד, קופּער א. ד. גל.). אָבער וואָס האָט זיך אין דער ווירק־לעכקייט באַקומען פון דערדאָזיקער באַגעגעניש? אָט זיינען אַ פּאָר ציפערן, און ציפערן באַווייזן שטענדיק זייער קלאָר, וואָס פאַר אַ גוטע אָדער שלעכטע ענדערונגען עס קומען פאָר אין דעם לעבן פון די מענטשן.

אין 1884 יאָר איז קאָנגאָ געוואָרן בעלגיעס אַ קאָלאָניע (דידאָ־זיקע קאָלאָניע איז געווען אין 95 מאָל גרעסער פאַר איר מעטראָ־פּאָליע); אין 1908 יאָר איז נאָך אין קאָנגאָ געווען מינדסטנס 20 מיליאָן מענטשן, און אין 1911 יאָר איז שוין דאָרט געבליבן בלויז 8 מיליאָן. אין איינע דריי יאָר איז אויסגעשטאָרבן 12 מיליאָן מאָן. אַזאַ מין ריזיקע שטערבלעכקייט פּאַסירט ניט גלאַט אַזוי, אַפּאָנים, אַז עפּעס אַ שוידערלעכע מאַיסע איז פאַרלאָפן מיט די נע־גערישע שוואַטים; וואָס זשע איז דאָרט פאָרגעקומען?

## ווי אַזוי ווערט אויסגעאַרבעט קאַוטשוק

אויבן איז שוין דערציילט געוואָרן, אַז אין די וועלדער פון קאָנ־גאָ וואַקסט קאַוטשוק*, פון וועלכן עס ווערט אויסגעאַרבעט גומע. טאַקע אין 1908 יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרויסער נאָכפראַגע אַף גומע (מען האָט עס באַדאַרפט אַף אויסאַרבעטן קאַלאָשן, שי־נעס צו אַוטאָמאָבילן און אַנדערע צוועקן), איז דער פרייז פון גומע זייער געשטיגן. דעריבער האָט די בעלגישע רעגירונג פאַר־אָרדנט, אַז די אָרטגעבירטיקע באַפעלקערונג פון קאָנגאָ זאָל זיך פאַרנעמען מיט זאַמלען קאַוטשוק. און דאָס איז זייער אַ שווערע אַרבעט. אָט ווי אַזוי אַ שרייבער באַשרייבט דידאָזיקע אַרבעט.

„אין גרויסן וואַלד זײַנען די קאַוטשוק־בוימער זייער שטאַרק צעוואָרפן. עס טרעפן זיך גרויסע שטאָכים, וואו מען קאָן קיין איין קאַוטשוק־בוים ניט געפינען, און וואַקסן וואַקסט דער קאַוטשוק־בוים אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך. אַפילו אין יענע טיילן וואַלד, וואו דער קאַוטשוק־בוים וואַקסט שוין יאָ, איז ער זייער צעוואָרפן, אַזוי אַז די אַרבעטער קאָנען ניט אַרבעטן קאָמ־פאַניעסווייז, ווי דאָס ווערט געטאָן בײַ פעלד־אַרבעט; עס קומט אויס צעטיילן זיך אַף קליינינקע גרופּקעלעך, וועלכע צעטיילן זיך ווי־דער אַף איינצלנע מענטשן. דער איינצלנער מענטש, פאַרבלייבנ־דיק אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט, אונטער דער מאַכט פון די בייזע גייסטער, וואָס לעבן אין זיין פאַרשטעלונג און די בייזע כאַ־יעס, וואָס געפינען זיך אין וואַלד, בויט ער זיך אויס אַ שטיקל ביידל פון צווייגן און בלעטער און נעמט זיך פאַר דער אַרבעט: ער קאַרבט איין מיט אַ מעסער דעם קאַוטשוק־בוים און צאַפּט אַרויס פון דאָרטן דעם קלעפּיקן קאַוטשוק־זאַפט טראָפּן נאָך טראָפּן.

---

* דאָס וואָרט קאַוטשוק באַטייט „דער בוים פון טרערן". אַזוי האָט מען אַ נאָמען געגעבן דעמדאָזיקן געוויקס דערפאַר. ווייל פון איינגעשניטענעם קאַוטשוק־בוים טריפן אַראָפּ טראָפּנס זאַפט, ווי טרערן.

אַן אַנדערש מאָל זינגט ער אַ ליד באַ זיין מאַנאַטאָנער אַרבעט, און אין די צייטן ווען די רעגנס פאַלן, צווישן איין שטורעמדיקן שלאַקס־רעגן און דעם צווייטן, קאָן מען אָפּט הערן די טענער פון זיין ליד, ווי זיי מישן זיך אויס מיטן געוויש פון די פאַלנדיקע בלעטער, און די שטאָק־פינצטערע נעכט שפּריצן מיט די פונקען פון זיינע שייטערס".

קיין איין און איינציקער מענטש האָט ניט געוואַגט צוריקקומען פון דערדאַזיקער וואַלד־טפּיסע איידער ער האָט ניט צונויפגעקליבן אַ באַשטימטע צאָל קאַוטשוק. טראַפּישער קאַדאַכעס האָט געטויט פיל טויזנטער מענטשן, די רויב־כאַיעס האָבן פאַרצוקט פיל איינצלנע מענטשן, פיל זיינען פון שרעק פון זינען אַראָפּ. אויב ווידער עס האָט זיך געפונען איינער אַ נעגער, וואָס האָט געוואַגט צו אַנטלויפן, האָבן די בעלגישע באַזעצער באַשטראָפט ניט נאָר זיין פאַמיליע, נאָר דאָס גאַנצע דאָרף פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. פרויען און קינדער האָט מען מיט קאַנטשיקעס געשמיסן, גאַנצע דערפער פלעגט מען אויסשעכטן, ביז אַש פאַרברענען, קעדיי די איבעריקע אַנצושרעקן.

וואָס זשע איז דער וואונדער, אויב די נעגערשע באַפעלקערונג האָט נאָך דעם אַלעמען אָנגעהויבן אויסשטאַרבן? דערפאַר אָבער זיינען די גרויסע רעוואַכים פונם קאַוטשוק־האַנדל אַליין געפלויגן צו די בעלגישע סאַכרים אין די טאַשן אַריין, און הויפּטזעכלעך אין קעשענע פונם בעלגישן קעניג — דעם רייכסטן סויכער אין זיין לאַנד.

פון דעם פריערדיקן לעבן איז קיין זייכער ניט געבליבן. די איינוואוינער פון קאָנגאָ זיינען פאַרשלאַפט געוואָרן. די אייראָפּעישע קולטור האָט באַ זיי צוגענומען אַפילע דאָס ביסעלע, וואָס זיי האָבן פריער פאַרמאָגט. אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן די אייראָפּייער אויסגעלערנט זיי טרינקען בראַנפן, וואָס זיי האָבן אַהין געבראַכט צו פירן, און פאַרקויפט לויט הויכע פרייזן, און געבראַכט צו שלעפּן אַהין אַסאַך אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

אַט וואָס פּאָר אַ לעבן עס איז איצט אין קאָנגאָ, אַט ווי אַזוי עס ווערט אין מיטל־אַפריקע אויסגעאַרבעט דער קאַוטשוק, וואָס די גאַנצע וועלט באַנוצט אים. ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, קאָן זיין, אַז אַ טייל פון דעמדאָזיקן קאַוטשוק ווערט פאַרנוצט אויך דורך אונז, און מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אָן דעם לעבן פון די שוואַרצע קנעכט, כאָטש זיי לעבן זייער ווייט פון אונז.

---

## לוּנ יאָ ל *)

אין גרויסן קרעמל־זאַל צווישן זיצונג און באַראַטונג
אַף הויכן שטול, באַדעקט מיט אַ טשעכאַל,
האָט זיך אַ נעגער צוגעזעצט, פאַרמאַטערט,
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאַל.

פון הויכן שטול פון דעם, מיט קרוין באַצירטן,
דאָ האָבן הערשער גרויזאַמע געוועלטיקט איבער לאַנד
און מיליאָנען קנעכט באַרויבטע און פאַרפירטע
געהאַנגען זיינען אַף דער רוט אין שווערער האַנט.

און לוניאַל — אַ נעגער פון דער קאָנגאָ־געגנט...
אַף שוואַרצן לייב, וואָס איז פון זון פאַרברענט,
וואָלט מען ביז איצט זיי נאָך דערקענט
די שאַרפע צייכנס פון די באַמבוק־שטעקנס.

ער האָט געווים נאָך פאַרגעדענקט ביז איצט
די שוואַרצע נעכט אין גליענדיקן דאָרעם,
ווען ס׳האָבן ציין אָנמעכטיק זיך פאַרקריצט
און פויסטן זיך געדריקט אין שווערן צאָרן...

---

*) לוניאַל — אַ נעגער, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנגרעס פון קאָמינטערן.



כאווער לוניאָל — א נעגערשער דעלעגאט פון אפריקע זיצט אפן געוועזענעם צארישן טראָן אין קרעמל בעאייס א צוזאמענפאָר פון קאָמינטערן.

צעברעקלט איז די רוט פון ווילדער מאַכט.
ס'איז הערשאַפט גרויזאַמע ווי אַש צעשאָטן, —
און ניט קיין שקלאַף האָט דאַן, אין שטורעם־נאַכט
די הויכע שוועל פון קרעמל־זאַל באַטראָטן.

די שווערע שטילקייט פון די קרעמל־ווענט
צעהוידעט איז פון היימישן געווימל,
און ס'הערן צו געוועלבן, ווי פאַרשעמט,
פילשפּראַכיקן געריד פון בונטע שטימען.

און קומט דאַ ווער אַהער און טראָגט ער האָט
און מוט און מוירדישער אים ברענט אין די געבלימן,
ער איז אַ כאַוועָר דאָ, ער איז אַ באַסט,
ער איז מיט אַלע דאָ כאַגלייך פאַרבעטן...

אַף הויכן שטול מיט זויבערן טשעכאַל —
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאַל.

מ. כאַשטשעוואַצקי.

# די שטראָף

(דאָ ווערט באַשריבן, ווי אַזוי אַ באַאַמטער פון דער בעלגישער רעגירונג באַשטראָפט די איינוואוינער פון איינעם אַ דאָרף אין קאָנגאָ דערפאַר, ווייל איניקע איינוואוינער פון דעמדאָזיקן דאָרף האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוזאַמענצוקלייבן קאַוטשוק, און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד)

די זון איז אויפגעגאַנגען און געבראַכט מיט זיך דעם ווינט. דער געדויש און געטומל פון די פייגלען איז געמישט געווען מיטן צאַרטן אָטעם פונם ווינט, וואָס האָט מיט די בוימער־שפּיצן געשפּילט.

דער לאַגער איז נאָך געלעגן אין שאָטן, אָבער דער גאַנצער הימל איבער די סאָזשלקעס איז געווען באַגאָסן מיט לעבעדיקן פלאַטער־

דיקן ליכט. עס איז אַנגעקומען אַ סאַפּפיר־בלויער בלענדנדיקער פרימאָרגן, וואָס איז מיט אַ מאָדנעם ליכט געווען אָנגעפּילט, ווי פון זונען־שטויב.

דער באַגינען האָט די אַנטלאָפענע פון וואַלד ניט צוריק געקערט. מעאָוס, דער אָנפירער פון אַטריאַד, האָט דאָס גוט געוואוסט. אַפילו דער לאָמער אינגל, וואָס איז געשיקט געוואָרן זיי אויפצוזוכן, איז אויך ניט צוריקגעקומען.

דער דינער האָט געברייט דעם אָנבייסן אויפן גראָז. די לופט האָט געשמעקט מיט קאַווע; עס איז גאָר ניט געווען קיין אָנגענעמערע זאַך אויף דער וועלט, ווי פרישטיקן אויף דער פרישער לופט אין אַזאַ לויטערן וואונדערלעכן פרימאָרגן מיט אַזאַ מעכאַיעדיקן ווינטל, וואָס האָט פון וואַלד געווייט.

די אַרטגעבירטיקע זיינען אין אַ קופּקעלע געזעסן. זיי זיינען שוין ניט פריי געווען, זייערע פיס זיינען מיט רימענס געווען געבונדן. בלויז דאָס קליין ייִנגערל, פּאַפּיטי, האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ פרייער, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן דער אַלטער באַבע און גענומען זיך באַקוקן אַ בלעכענע פּושקעלע פון טאָמאַטן, וואָס דער קעכער־יונג האָט אַרויסגעוואָרפן.

— איך וועל זיי געבן נאָך צוויי שאָ אויף צו באַטראַכטן זיך, — האָט מעאָוס אַ זאָג געטאָן, זופנדיק זיין קאַווע.

— און דערנאָך? — האָט דער דאָקטאָר אַדאַמס אַ פרעג געטאָן.

— און דערנאָך, — האָט מעאָוס פאַרענדיקט, — וועל איך אַ טיל־טעל מאַכן פון דידאָזיקע הייזקעס. מע דאַרף זיי אָנלערנען.

באַם פרישטיק איז מעאָוס געווען פולשטענדיק רואיק. לויטן אויסדריק פון זיין געזיכט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די אַרט־געבירטיקע האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט, אַז אַלץ איז ווי אַמבעסטן. עס זיינען געווען באַ אים מינוטן, ווען ער האָט זיך אויף עפּעס וואָס פאַרטראַכט, עס זיינען געווען מינוטן, ווען זיין צורע איז פון עפּעס וואָס פאַראומערט געוואָרן, אָבער גלייך צוריק אָנגע־

הויבן שיינען, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט· ווי גוט עס איז אים גע־לונגען אויסצופירן אַ שווערע אַרבעט, וואָס איז מיט אומאָנגענעמ־לעכקייטן געווען פאַרבונדן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער זיך געווענדט צו אַדאַמסן:

— איך בין געצוואונגען צו בעטן אייך אומקערן זיך אין פאָרט. פעליקס וועט מיט אייך מיטגיין. אין אַ שעה צוויי אַרום וועלן מיר אויך אַהין קומען. איך האָב מורא, אַז עס וועט אויסקומען צע־שטערן די הייזקעס פון דידאָזיקע מענטשן. עס איז אַ טרויעריקע פליכט, אָבער מען קאָן גאָרניט מאַכן. בעסער, מיין איך, אויב איר וועט ניט ביי'זיין באַ דעם ספּעקטאַקל.

— אַדאַנק, — האָט אַדאַמס געענטפערט. — פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וואָלט ער דאָ ניט געבליבן צוקוקן ווי אַזוי מע וועט דידאָזיקע אומגליקלעכע הייזקעס אַראָפּטראָגן.

ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום ראַנד פון וואַלד האָט זיך אַדאַמסן אויסגעדוכט, אַז עמיצער שרייט. ער האָט זיך אומגעקוקט. סאָל־דאַטן האָבן געשריען. פּאַפּיטי האָט זיך באַוויזן.

דער קליינער איז נאָך אַדאַמסן נאָכגעלאָפן ווי אַ שוואַרץ הינטל, און האָט אים שוין קימאַט אָנגעיאָגט.

אַדאַמסן איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אַ מער טשי־קאַווע כאַיעלע פון דעם מענטשלעכן מין, ווי דאָסדאָזיקע יאַטל איז געווען. עס איז געווען אַזוי מענטשלעך, אַזוי אָנגעפּוישט מיט פרייד, אַז עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ער איז אַ קינד פון דידאָזיקע דערדריקטע, דערשראָקענע באַשעפענישן. מאָדנער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס מען האָט באַ דעמדאָזיקן יאַטל געקאָנט באַמערקן אַלע גענגלעך פון אַן אייראָפּייאיש אָדער אַמעריקאַניש קינד.

— גיי צוריק! — האָט אַדאַמס אויסגעשריען.

— טיק, טיק, — האָט פּאַפּיטי געענטפערט. דאָס זיינען געווען די איינציקע אייראָפּייאישע ווערטער, וואָס פּאַפּיטי האָט געוווּסט.

דאָס קינד איז געשטאַנען, געבראָטן זיך אויף דער זון, געגלאַנצט

מיט זיין הויט און געשמייכלט; אדאמס האָט אַ בייזע צורע געמאַכט, קלוימערשט אַ וואָרף געטאָן זיך צו אים; דעמאָלט איז דאָס קינד פון אים אַנטלאָפן, און אדאמס האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטערן בלעטער־דעכל.

אין אַ האַלבע שאָ אַרום, איז מעאָום פּלוצלינג אַף די פיס אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אַהין און צוריק נעבן דעם ביידל, ווי אַ מענטש, וואָס איז פון עפּעס זייער שטאַרק באַאומרואיקט.

די סאָלדאַטן האָבן אויך אויסגעוויזן צו זיין אומרואיק, און די דאָרפלייט האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין אַ הייפעלע, ווי שעפּסן. בלויז איין פּאַפּיטי איז געבליבן אינגאַנצן זאָרגלאָז. איצט האָט ער געשפּילט מיט עפּעס אַ בלעכן פּושקעלע, נאָכדעם ווי ער האָט פון דאָרטן אויסגעלעקט די לעצטע טראָפּנס פון עפּעס אַ זאָפט, וואָס האָט זיך דאָרט פריער געפונען.

פּלוצלינג האָט מעאָום אָנגעהויבן שרייען, און זיין שטים האָט געקלונגען שאַרף און אָפּגעהאַקט, ווי אַ הינטישער געביל.

די צוויי שאָ האָבן זיך געענדיקט, און די סאָלדאַטן האָבן געוואוסט וואָס זיי האָבן צו טאָן. זיי האָבן לאַכנדיק און שפּאַטנדיק אויסגעשטעלט זיך אין אַ ריי, און באַ צווייען פון זיי, באַ די סאַמע וואוקסיקע, האָבן זיך אין די הענט באַוויזן ביימשן פון נאָזהאָרנישער פעל. דאַסדאָזיקע פעל האַלט העכער אַ צאָל די גרעב און איז קימאַט דורכזיכטיק, אויב עס איז געמאַכט ווי עס דאַרף צו זיין. אין דער פאָרם פון אַ בייטש איז עס ניט אַזוי אַ געצייג ווי אַ געווער: זיינע ראַנדן שניידן, ווי דער שאַרף פון אַ שווערד.

פּאַלגנדיק מעאָומס בילנדיקע באַפעלן, האָבן צוויי סאָלדאַטן צעהאַקט די קנופּן, מיט וועלכע די אַלטע איז צוגעבונדן געווען צו די איבעריקע, און אַ וואָרף געטאָן זי אַף דער ערד.

די טאַליאַנים מיט די ביימשן האָבן זיך דערנעענטערט צו איר, אָבער זי האָט ניט געשריען, קיין קלאַנג ניט אַרויסגעלאָזט, געלעגן אָן אויסגעצויגענע אַף דער זון. פּאַפּיטי, ווען ער האָט דערזען, אַז

מע טוט שלעכטס זיין באַבעשי, האָט ער אָוועקגעוואָרפֿן זיין בלעכן פּושקעלע און ג ייומען שרייען, אָבער איינער פֿון די סאָלדאַטן האָט אים אַנידערגעג ילט אַ פֿוס אָף דער ברוסט און אים צוגעהאַלטן.

— צווייהונדערט שמיץ, — האָט מעאוס אויסגעשריען, און צוזאַמען מיט זיין געשריי האָט אַ הילך געטאָן דער ערשטער טויבער, קרעכצנדיקער שמיץ.

די איבעריקע אָרטגעבירטיקע האָבן געשריען און געקוויטשעט אין אוניסאָן באַ יעדן שמיץ, אָבער דער קאָרבן אַליין נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט נאָכן ערשטן שמיץ איין־און־איינציקן „אוי“, איז איצט געלעגן אינגאַנצן שטום.

ווי אַ דריידל, וואָס ווערט געיאָגט דורכן קינדערשן בייטש, אַזוי האָט זי זיך געווירבלט, אומזיסט געפּרוואווט זיך פֿון אַ שמיץ אַנטרונען ווערן, ווייל דיביידע סאָלדאַטן האָבן נאָכגעטאַנצט נאָך איר, שניידנדיק דאָס לייב אירס מיט שמיץ איינס נאָך איינס.

אירע באַוועגונגען האָבן געצייכנט בלוטיקע קרייזן אָף דער ערד. איין מאָל איז איר שוין קימאַט געלונגען אָף די פֿיס זיך צו שטעלן, אָבער אַ שמיץ איבערן פּנים האָט זי ווידער אומגעוואָרפֿן אָף דער ערד. זי האָט דעם אומגליקלעכן פּנים אירן מיט אירע הענט פֿאַרדעקט, און די בייטשן האָבן איר די הענט געשמיסן און צעפּאַסעוועט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָף דער פּלייצע, און זיי האָבן זי געשמיסן איבערן בויך אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דאָס איינגעווייט איז פֿון דאָרט ניט אַרויס. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפֿן בויך, און זיי האָבן געפּאַסעוועט די פּלייצע אירע אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס האָבן זיך די ריפּן באַ איר באַוויזן, און די רויע פֿלייש איז אַרויסגעטראָטן פֿון אונטער דער צעשניטענער הויט.

עס איז בעעמעס געווען אַ טויט־פּיין, און מעאוס, אַ בלאַסער, אַ צערונענער אין שווייס, איז אַרומגעלאָפֿן מיט ברייט געוואָרענע אויגן, געשטיקט זיך אין אַ היסטערישן געלעכטער און געשריען:

— צוויי הונדערט, צוויי הונדערט שמיץ!

דאָס, וואָס איז פֿריער געווען אַ נעגערן, און איצט איז עס ענ-

לעך געווען בלויז אַף אַ פּעקעלע רויטע שמאַטעס, האָט אַרויסגע־
לאָזט דעם לעצטן אָטעם אירן און צונויפֿדרייענדיק זיך אין אַ דוהע,
פֿאַרגליווערט געוואָרן אין שטילן גסיסעדיקן פֿיבער.

וועגן דעם גורל פֿון די איבעריקע אָרטגעבירטיקע וואָלט זיך
געקאָנט דערוויסן יעדער איינער, וואָס וואָלט זיך צו יענער צייט אין
וואַלד געפֿונען, מאַכמעס די קוילעס און דער געיאָמער פֿון די גע־
פּייניקטע האָט זיך געלאָזט הערן אַף מײלן אַרום.

מע קאָן ניט באַשרייבן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ניט באַשרייבן,
וואָס עס האָט קיין נאָמען ניט. דער געיאָמער האָט געדויערט ביז
האַלבן טאָג.

אין אַ שאָ אַרום איז די שטראָף־עקספּעדיציע אָוועק. די הייז־
קעס אין דאָרף זיינען רואיִירט און צעטראָטן געוואָרן. אַפֿן גראָז
האָבן זיך געוואַלגערט פֿאַרמלאָזע רעשטלעך פֿון מענטשן, און ווי
נאָר די אָנטיילנעמער פֿון דער עקספּעדיציע, וואַקלענדיק זיך שי־
קערע פֿון זייער נאָר וואָס אָפּגעטוענער אַרבעט זיינען אָוועק, איז
גלייך פֿון בלויען הימל ווי אַ שטיין אַראָפּגעפֿאַלן דער שפּאַרבער.

דער שפּאַרבער פֿאַלט ווי אַ שטיין, מיט צונויפֿגעלייגטע פֿליגל,
און נאָר עטלעכע אַרשין פֿון דער ערד גיט ער זיי פּלוצלינג אַ פֿראַל
פֿאַנאַנדער און גיט זיך אַ וואָרף מיט אויסגעשטשירעטע נעגל אַף
זיין קאָרבן.

גלייך נאָכן שפּאַרבער איז פּאַמעלעך דורכגעשוואומען אין דער
לופֿטן די מאַראַבו, מיט די פֿאָרוים אויסגעצויגענע פּיס, מיט די
אויסגעבויגענע פֿליגל, און האָט זיך גלאַטיק אַראָפּגעלאָזט צו דער
סודע. נאָך אים איז געקומען צופֿליען נאָך אַ שפּאַרבער און נאָך
און נאָך...

אויב עמעצער וואָלט אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום אַ קוק געטאָן
אַפֿן אָרט וואו די שטראָף־עקספּעדיציע האָט געאַרבעט, וואָלט זיך
פֿאַר זיין אויג פֿאַרגעשטעלט אָט וואָס פֿאַר אַ בילד: אָן, דאָרטן,
אונטער יענעם בוים, וואו צוויי סאָלדאַטן, — איינער פֿון זיי מיט
אַ פֿאַרבלוטיקטן מעסער אין די ציין, — האָט אַף אַ שווידערלעכן

אויפן צעשאָכטן אַ מיידל, — האָבן זיך געוואַלגערט אירע ביינער. אַף יענעם אָרט, וואו מען האָט מיט איין פאַך פון אַ שווערד אין אַ האַנט דעם קליינינטשקן פאַפיטן דעם קאָפּ אָראָפּגעהאַקט, איז איצט געלעגן אַ קליינער ווייסער שאַרבן, וואָס האָט געקוקט מיט זיינע פּוסטע אויגן־לעכער אין דעם הויכן און בלויען הימל־דאַך. ביינער האָבן זיך געוואַלגערט דאָ, און ביינער האָבן זיך געוואַלגערט דאָרט, שפּאַרבער האָבן זיי אָרומגעגריזעט, און די טראָפּישע זון האָט זיי אויסגעווייסט, שאַרבנס, קינביינער, ביפּן, גאַנצע און צע־בראָכענע, — דאָס אַלץ האָט זיך דאָ געוואַלגערט. די רעשטלעך פון די אָרעמע הייזקעס האָבן מיט זיך פאַרפולט דאָס בילד פון דעמדאָ־זיקן ביישוילעם אונטערן פרייען הימל, דאָ, אַף דעם פעלד פון טויט.

(פון דע־ווער־סטעקפולס בוך: „די שטומע אַזערעס").

## פראַגן:

1. ווי אַזוי באַקומט מען קאַוטשוק?
2. מיט וועלכע מיטלען צווינגען די בעלגישע באַאַמטע די נעגערס צו קריגן קאַוטשוק?
3. ווי אַזוי ווירקט דאָס קריגן פון קאַוטשוק אַף די נעגערס?

## אויפגאַבן:

1. אָרגאַניזירט אַ קרייזל, לייענט דורך צוזאַמען און קלייבט פּאַזאַנ־דער מ. געסעליאָווס אַרטיקל „פון קאַוטשוק צו גומי" (אַף רוסיש), אין זשורנאַל „איסקראַ" נומער 2 פון 1926 יאָר.
2. דאָרט, וואו עס איז מעגלעך, אָרגאַניזירט אַן עקסקורסיע אַף אַ גומי־פאַבריק און קוקט זיך צו, ווי אַזוי עס ווערט פון קאַוטשוק געמאַכט גומי.

# 4. דאָס לעבן פון די נעגערס אין אַמעריקע

## ווי אַזוי קומען די נעגערס אין אַמעריקע

די היימאַט פון די נעגערס — איז אַפריקע. אָבער אין אונזער צייט לעבן אַסאַך נעגערס אויך אין אַמעריקע, זיי געפינען זיך דאָרטן העכער 10 מיליאָן מאַן. באַוויזן האָבן זיי זיך אין אַמעריקע מיט אַרום 300 יאָר צוריק. געקומען זיינען זיי אַהין אָבער ניט מיט זייער אייגענעם פרייען ווילן.

אָט ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אַמעריקע איז אין יענער צייט געווען אַסאַך ערד, וואָס האָט געטויגט פאַר רייז, בוימוואָל און טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס. אייראָ־פּייאישע פּריצים (ענגלישע לאָרדן און גענעראַלן), וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך ריזיקע שטאַכים פון דער־דאָזיקער ערד, האָבן געזוכט ביליקע אַרבעט־הענט. דעמאָלט האָבן טיכטיקע סאָחרים באַשלאָסן זיך אַ יאָג טאָן נאָך די געזונטע נעגערס אין אַפריקע און אַריבערפירן זיי קיין אַמעריקע.

די נעגערס האָט מען ווי די כאַיעס געכאַפּט אין זייערע אייגענע דערפער, פאַרשמידט אין קייטן גאַנצע מישפּאָכעס און אַנגעלאָדן אַף שיפן. אַף יעדער שיף האָט מען זיך געסטאַרעט אַנשטופּן וואָס מער נעגערס, לאַכלוטן ניט טראַכטנדיק אַפילע וועגן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן פאַר די אומגליקלעכע מענטשן. די שקלאַפן־שיפן האָבן זיך געוויינלעך אַזוי געבויט: פון דער שוץ־דעק איז גע־ווען אַפּגעצאַמט אַ גרויסע שטייג, און אין שטייג זיינען אויסגעבויט געוואָרן פּאָליצעס, אַף די־דאָזיקע פּאָליצעס פלעגן אויסגעלייגט ווערן

די נעגערס אין עטלעכע שטאַקן. ניט נאָר שטיין, אַפּילו זיצן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז אומעגלעך געווען אין דידאָזיקע שטייגן. אין אַזאַ מין לאַגע, אונטערן שלאָס, האָבן זיך געפונען די נעגערס גאַנצענע וואָכן, קאָלומאַן די שיף איז געווען אַפן וועג קיין אַמע-ריקע. און אַנדערש מאָל פלעגט אָפן וועג אַ שטורעם-ווינט זיך אויפ-הויבן, איז קעדיי צו באַפרייען די שיף פון דער מאַסע און ראַטעווען זי, פלעגט מען די נעגערס ווארפן אין וואַסער אַריין. אָבער כוץ-דעם איז די שטערבלעכקייט אַף די שקלאַפן-שיפן גופע אויך געווען אַ גאַנץ היפשע. ווען אַ שקלאַפן-שיף פלעגט זיך געפינען פינף מייל פונם אַמעריקאַנישן ברעג, איז אויב עס פלעגט נאָר בלאָזן אַ ווינטל פון יאַם צום ברעג, פלעגט מען זי גלייך דערקענען נאָכן שרעקלעכן גערוך: דאָס האָבן געפוילט די קערפּערס פון די געשטאָרבענע צווישן די לעבעדיקע.

## דאָרעם און צאָפן

די מאַמע בעסטע ערדן פאַר בוימוואָל-פּלאַנטאַציעס האָבן זיך געפונען אין די דאָרעמדיקע שטאַטן פון צאָפן-אַמעריקע (פלאָרידע, דאָרעם-קאַראָלינע, לוזיאַנע, ווירגיניע, מערילענד און אַנד.). אין די-דאָזיקע שטאַטן זיינען דאָס טאַקע הויפּטזעכלעך פאַרקויפט געוואָרן די נעגערס. גרויסע ערד-אייגנטימער האָבן געהאַט אַף זייערע פּלאַנ-טאַציעס הונדערטער נעגערס, געווען אַפּילו אַזעלכע גווירים, וואָס האָבן פאַרמאָגט ביז טויזנט שקלאַפן און מער.

בוימוואָל וואַקסט גוט אַף אַ פייכטן בלאָטיקן באָדן, דעריבער איז די נעגערס שטענדיק אויסגעקומען צו אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען. דידאָזיקע שווערע באַדינגונגען זיינען נאָך שווערער געוואָרן אַדאַנק דער אומענטשלעכער באַציאונג מיצאַד די באַלעבאַ-טים און זייערע אָנגעשטעלטע. דער נעגער איז אין זייערע אויגן קיין מענטש ניט געווען, דאָס איז פּאַשעט געווען אַ בהמה, וואָס האָט געהערט צום באַלעבאָס, און ער האָט דערמיט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט: פאַרקויפט, אויסגעביטן אָדער פאַרמאַטערט צום טויט.

פאַר דער קלענסטער שולד האָט מען די נעגערס געשלאָגן, אין קייטן געשמידט, געטויט אַפילו. די נעגערס האָט מען געצוואונגען זייער אַסאַך צו אַרבעטן, דערביי אָבער האָט מען זיי אַזוי שלעכט געגעבן צו עסן, אַז נאָך איינע צען יאָר אַרבעט אַף די פּלאַנטאַציעס, פלעגט דער מענטש פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אינוואַליד.

די נעגערישע קאַטאָרגע-אַרבעט האָט געשאַפן אומגעהויערע רייכטימער פאַר די ווייסע האַרן. מיט די שוואַרצע נעגערישע הענט זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן ריזיקע ערד-שטחים, פון דאָרט האָט מען דורך שווערער נעגערישער פּראַצע אַרויסבאַקומען אַ ריזיקע צאָל בוימוואָל, וואָס איז פאַר הויכע פּרייזן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ענגלאַנד. איידער מע האָט געבראַכט דעם בוימוואָל פון אַמע-ריקע האָבן די ענגלישע פאַבריקן געאַרבעט נאָר אַף לייַן און וואָל. פון בוימוואָל, וואָס איז באַקומען געוואָרן דורך נעגערישער פּראַצע, האָבן די מענטשן צום ערשטן מאָל אין זייער געשיכטע באַקומען די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן ביליקע בוימוואָל-שטאָפן (ציץ, ביאַז, קאַלענקאָר). אַף אויסצואַרבעטן דידאָזיקע שטאָפן האָבן אין ענגלאַנד אָנגעהויבן זיך עפענען נייע טעקסטיל-פאַבריקן, זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע אינדוסטריע-שטעט, ווי, לעמאַשל, מאַנ-טשעסטער, ליווערפּול.

אַף אַ גאַנץ אַנדערן אופן האָט זיך פאַרמירט דאָס לעבן אין די צאָפן-שטאַטן. דאָרט איז ניט געווען קיין ערד, וואָס זאָל גינסטיק זיין פאַר פּלאַנטאַציעס, און אַהין האָבן אַריבערגעוואַנדערט הויפּט-זעכלעך אייראָפּייאישע פּויערים, וואָס זיינען געלאָפן פון ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער, פון דעם דרוק פון זייערע אייגענע פּריי-צים. אין אַמעריקע האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט און פי-צוכט. דאָרט טאַקע, אַפן צאָפן, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אַמעריקאַנער אינדוסטריע, האָבן זיך אָנגעהויבן בויען פאַרשיי-דענע פאַבריקן, דערין אויך טעקסטיל-פאַבריקן. אין 1860 יאָר האָבן שוין אַף די אַמעריקאַנער טעקסטיל-פאַבריקן געאַרבעט 120 טויזנט אַרבעטער. צו דער צייט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן בויען אין אַמע-

ריקע אײַזנבאַן-װעגן. די אײַזנבאַן-נעץ איז זײער שנעל געװאַקסן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך אָנגעהױבן פֿילן אַ גוטס אין אײגענע מעטאַל-זאַװאָדן, האָבן זיך אָנגעהױבן אַנטװיקלען מע-טאַל- און קױלן-שאַכטעס. יאָר נאָך יאָר האָט זיך אַלץ מער אַנט-װיקלט די ערד-אַרבעט און אינדוסטריע אין די צפֿון-שטאַטן, און גאַר גיך איז עס געקומען צו אַ צוזאַמענשטױס מיט די שקלאַפֿערישע דאָרעם-שטאַטן.

אין יאָר 1861 האָט זיך אָנגעהױבן אין אַמעריקע אַ בירגער-קריג, װאָס האָט געדױערט איבער דרײַ יאָר. די צפֿון-שטאַטן האָבן אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע גענומען פֿאָדערן, אַז די קנעכט-שאַפֿט אין די דאָרעם-שטאַטן זאָל אָפּגעשאַפֿט װערן. סאָפֿקאָלסאָף איז דער קױלעך פֿון די דאָרעמדיקע פּריצים געבראָכן געװאָרן, און די נעגערס זײַנען באַפֿרײַט געװאָרן. אָבער קײן אײן פּיצל ערד האָבן זײ דערבײַ ניט באַקומען. דרײַ מיט אַ האַלבן מיליאָן נעגערס קנעכט זײַנען פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין די דרײַ מיט אַ האַלבן מי-ליאָן ערדלאָזע אָרעמעלײַט. זײ האָבן קײן אַנדער ברײרע ניט געהאַט, װי אָדער שטאַרבן פֿון הונגער, אָדער װידער לאָזן זיך שפּאַנען אין יאָך. איצט אָבער האָבן זײ שױן געקאָנט לאָזן זיך שפּאַנען אין יאָך ניט נאָר בײַ די פּריצים, נאָר אױך בײַ די פֿאַבריקאַנטן, אַלס לױן-אַרבעטער. די װײַסע פּריצים האָבן זיך נױקעם געװען אָן די באַ-פֿרײַטע נעגערס דערמיט, װאָס מען האָט זײ אָנגעהױבן פֿאַרפֿאָלגן. אין 1868 יאָ ־אַט זיך אין די אַמעריקאַנער דאָרעם-שטאַטן אָרגאַ-ניזירט אַ געו. מע געזעלשאַפֿט, הױפּטזעכלעך פֿון פּריצים, אונ-טערן נאָמען קו-קוקס-קלאַן. די מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער געזעל-שאַפֿט האָבן געהאַלטן, אַז אָנפֿאַלן אױף די נעגערס, הענגען זײ און טױטן זײ איז אַן ערן-זאַך.

## װי אַזױ לעבט זיך איצט די נעגערס אין אַמעריקע

אין אַמעריקע איז ניטאָ קײן קײסער, דאָרטן איז אַ רעפּובליק, נאָר אַ בורזשואַזע. די אַמעריקאַנער גזוירים און זײערע אונטער-

שטופער האָבן ליב צו באַרימען זיך מיט זייער פרייהייט, אָבער מי־
ליאָנען נעגערס אין דעמאָקראַטישן לאַנד ווערן ניט גערעכנט פאַר
מענטשן. אין די דאָרעם־שטאַטן האָט דער נעגער ביזן הײַנטיקן
טאָג קיין רעכט ניט צו פאָרן אין איין וואַגאָן אָדער טראַמוויי מיט
די ווײַסע, האָט קיין רעכט ניט צו באַזוכן די טעאַטערס, דאַרף שטענ־
דיק אָפּטרעטן דעם וועג דעם ווײַסן. דעם נעגער, ווי אַ נידעריקער
באַשעפעניש, ווערט ניט דערלויבט צו וואוינען אין יענע שטאָט־
טיילן, וואו עס וואוינען די ווײַסע. קימאַט דאָסזעלבע איז אויך אין
די צאָפן־שטאַטן. אין ניו־יאָרק, אין טשיקאַגאָ — געפינען זיך אָפּ־
געזונדערטע „שוואַרצע קוואַרטאַלן”. די נעגערס שטערט מען מיט
אַלע מיטלען צו בילדן זיך, און דער קו־קוקס־קלאַן איז זיך נויקעם
מיט טעראָר אָן יעדן נעגער, וואָס פּרוּווט נאָר אויפהויבן דעם
קאָפּ אַנטקעגן אַ ווײַסן. אָבער דאָס סאַמע שווידערלעכסטע איז דער
ווילדער מינהג פון די ווײַסע פּריצים צו לינטשן די שוואַרצע.
לינטשן — הייסט טויטן אַ נעגער אָן אַ מישפּעט איבער אים. אין
אַזעלכע פאַלן ווערט מערסטנטייל דער נעגער פאַרברענט לעבע־
דיקערהייט.

אָט אַזוי באַגייט מען זיך אין דער רײַכסטער און „פרייער”
בורזשואַזער אַמעריקע מיט יענע מענטשן, וועלכע טוען די סאַמע
שווערסטע אַרבעטן: די נעגערס גראָבן שטיינקוילן און אַרץ פון די
אונטערערדישע שאַכטעס, טוען די שווערסטע און שמוציקסטע אַר־
בעטן אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן, אַרבעטן ווי פריער אויף די בוימ־
וואָל־פּלאַנטאַציעס, אַרבעטן אַלס דינער בײַ די ווײַסע הערן, —
און דערצו ווערן זיי נאָך פאַרפאָלגט, ווי די כאַיעס.

# דער גײַעג אַף אַ מענטשן

(דאָ ווערט באַשריבן, ווי אַזוי מע האָט געכאַפּט אַ נעגער אַ קנעכט, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין באַלעבאָס)

איר האָט שוין געהערט די נייס? — האָט אויסגעשריען דער פּעטער בען *, ווען ער איז אַריין שטוב אַריין.

אַלע בײַם טיש האָבן זיך צו אים אויסגעדרייט.

— דאָס גאַנצע לאַנד איז אויפגעבראַכט — האָט ער פאַרגע־זעצט: — אַ נעגער האָט שיר ניט דערהאַרגעט דזשים הענדערסאָ־נען און איז אַנטלאָפן.

— ווי? ווען? — האָבן אַלע מיטאַמאָל זיך צעשריען.

— הענדערסאָן האָט אים געכטן געוואָלט שמייסן, — האָט דער פּעטער בען געענטפערט, — האָט זיך דער באָכער אַף אים אַרויפ־געוואָרפן, ווי אַ ווילדע כאַיע, אַרויסגעהאַקט פון זיינע הענט דעם פּיסטאָלעט און צעהאַקט אים דעם פּאָנים. אַזוי דערציילט מען.

— און וואו איז דער נעגער?

— אַנטלאָפן, — האָט געענטפערט דער פּעטער בען, — זיי האָבן זיך מיט הינט נאָך אים נאָכגעיאָגט, נעכטן אין אָוונט האָבן זיי אים אין אַ זומפּ פאַרטריבן און פאַרלאָרן פון אויג.

— הענדערסאָן האָט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט אים האַלטן גע־שמידט אין קייטן, — האָט קאַפּיטאַן מאָנטעגיו אויסגעשריען.

— אַט דאָס איז עס דאָך טאַקע, — האָט דער פּעטער בען אַ זאָג געטאָן, — דער נעגער האָט געפּאַקט ערגעץ אַ זעג און איבער־געזעגט די קייט אין צוויי ערטער, אַזוי אַז זי האָט זיך אַף אַ האָר בלויז געהאַלטן. די קייט איז צוגעדעקט געווען מיט די הויזן, און הענדערסאָן האָט עס ניט באַמערקט. דער יונג האָט איבערגעבראָכן די קייט אײדער הענדערסאָן האָט באַוויזן צו באַנעמען, וואָס אַזוינס איז דאָ פאָרגעקומען. מע זאָגט, אַז דעם נעגער העלפט עמעצער.

*) בען — אײנער פון די שקלאַפן־הענדלער

— העלפט? — האבן אויסגעשריען די צוהערער.

— יא, ער האט א פיסטאלעט, און הענדערסאן שווערט זיך, אז אף אן אנדער אויפן האט ער אים ניט געקאנט באקומען. האבן זיי אים נאכגעיאגט ביזן וועג און דארט פון אויג אים פארלארן. זיי פארזיכערן, אז עמעצער האט אים א פערד געגעבן.

די גאנצע מישפאכע האט אין פאכער געקוקט איינער אפן אנדערן.

— דזשערי, — האט מאנטעגיו א רוף געטאן איינעם פון זיינע דינער, — גיי, היים טיילאר טיבסן די פערד זאטלען. מיר דארפן זיך דערוויסן וואס דארטן טוט זיך.

דער ווארמעס איז געבליבן קימאט אומבארירט: נאך דידאזיקע יעדיעס האט זיך קיינעם ניט געוואלט עסן. ראנדאלף און זיין ברודער האבן אן אומרו דערפילט, ווי יאגד-הינט, ווען זיי דערשפירן די כאיע, און די איבעריקע זיינען אויך געווען ניט רואיקער. דער פעטער בען האט זיך געזעצט צום טיש, אבער עסן האט מען אים ניט געלאזן, מאכמעס מע האט געהאלטן אין איין אויספרעגן בא אים.

— איינער פון הענדערסאנס זין איז היינט אינדערפרי אוועקגעפארן אין שטאט, — האט ער דערציילט, — אזוי האב איך געהערט; זיי האבן זיך מיט הינט איבער אלע וועגן געיאגט. נאכן נעגער. מאיאר ראבערטס האט אין זיין רעשום א שטענדיקע פרעמיע פון 300 דאלער פאר יעדן געכאפטן נעגער. פאר דעמדאזיקן נעגער האט נאך הענדערסאן פון זיין טאש מוסער געווען 200 דאלער. מע זאגט, אז ער איז אינגאנצן פון זינען אראפ; ער איז היינט אינדערפרי אויך ארויסגעפארן, ניט געקוקט אף זיינע וואונדן.

— איז ער שווער פארוואונדעט? — האט עמעצער א פרעג געטאן.

— א האנט איז בא אים צעקלאפט, און דאס גאנצע פאנים צעשניטן. דערדאזיקער שעד האט אים שיר אין אויג ניט געטראפן. הענדערסאן האט זיך אלץ געסטארעט איינשטילן אים — מיט פאר-

שידענע מיטלען געפּראוווט. מען זאָגט, אַז ער האָט אים אויפגע־האַנגען פאַר די הענט אַף אַ גאַנצע נאַכט און געשלאָגן אים עטלעכע מאָל צו אַ צוויי שאָ דורכאַנאַנד און עס האָט אים אַף אַ האָר ניט באַרואיקט!

— אַזאַ מין מענטשן טאָר מען אַף דער פריי ניט לאָזן, — האָט קאַפּיטאַן מאַנטעגיו באַמערקט.

— מען האָט שוין טעלעגראַפירט אין נאַטשעץ, אַז מען זאָל שיקן פון דאָרטן נאָך היינט, — האָט דער פעטער בען געזאָגט, — זיי האָבן באַשלאָסן דעם גאַנצן קרייז אויפהויבן.

אין אַ האַלבן שאָ אַרום האָבן זיך אַלע געריירט פון וווליי־האָלל: מאַנטעגיו, זיין איידעם, דריי אינגלעך, צוויי אויפזעער און עטלעכע נעגערס מיט אַ טשאַטע הינט. אַללאַן * האָט געריטן שווייגנדיק. אויפמערקזאַם צוהערנדיק זיך צו די געשפּרעכן.

זיי האָבן געפונען דאָס שטעטעלע וואודוויל קימאַט אָן אויסגע־ליידיקטס — אַלע האָבן זיך אַוועקגעיאָגט נאָכן נעגער. אין דער האָטעל־קאָנטאָר האָט אַ הייפל נייגעריקע באַקוקט די קאַלדרע, מיט וועלכער דער נעגער האָט זיך צוגעדעקט: די הינט האָבן זי באַ־דאַרפט באַשמעקן, קעדיי צו דערשפּירן וואוהין דער נעגער איז אַנט־לאָפן. אינדערפרי האָט זיך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון באַטאָן־רוזש, אַז אַ פאַרבייפאָרער האָט געזען אַ רייטער, וואָס איז לויט זיין מיינונג דער אַנטלאָפענער נעגער. אין דער פינצטער האָט ער אים ניט זייער גוט באַטראַכט, אָבער לויט זיין באַשרייבונג איז עס מיסטאָמע געווען דער נעגער. לעסאָף האָבן אַלע מאַנטעגיום אומ־געקערט זיך צוריק, קעדיי אַ זוך צו טאָן דעם אַנטלאָפענעם אין זייערע אייגענע וועלדער.

אַללאַן האָט דערציילט דעם פאָטער זיינעם אַלע ביים, און עס איז אים מער ניט געבליבן וואָס צו טאָן, ווי אַרומצובלאָנקען איבער

---

*) אַללאַן — איינער פון די יונגע מאַנטעגיוס. אַללאַן האָט געוואוינט אין די צאָפּן־שטאַטן און דאָרט האָט ער אָנגעהויבן באַנעמען דעם שוידער פון שקלאַפנטום.

דער שטוב. ער איז אַוועק אין ביבליאָטעק-צימער. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ פערד-טופּעריי אױפן װעג, און איז אַרױסגעשפּרונגען אױפן גאַנעק פּונקט אין יענעם מאָמענט, װען דער פאָטער זײנער איז געקומען צו הינקען פון דער צװײטער טיר. צו דער שטוב האָט זיך אין װילדן גאַלאָפּ געטראָגן אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן. בײַ אַלאַנען איז דאָס האַרץ שיר ניט אַרױסגעשפּרונגען: ער האָט פאַרשטאַנען, דאָס אינגל ברענגט מיט זיך װיכטיקע נײַעס. דאָס פערד איז געװען אין װײַסן שױם, און בײַם אינגל איז די צורע געװען צעקרימט פון אױפרעגונג.

— איר זײַט מיסטער מאַנטעגיו? — האָט ער אױסגעשריען, אַפּשטעלנדיק דאָס פערד און אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל.

— יאָ, — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט, — װאָס איז דען?

— דער פאָטער האָט געבעטן פרעגן צי קאָנט איר אונז ניט אַנטלײַען אײַערע הינט, סער? — האָט יענער געפרעגט.

— די הינט? — האָט קאַפּיטאַן מאַנטעגיו אױסגעשריען. — מע האָט זײ שױן בײַ מיר אַנטליען. װאָס איז דען געשען?

— מיר האָבן געכאַפּט דעם נעגער, סער, דאָס הײסט מיר זײַנען געפאַלן אױף זײַן שפּור, נאָר מיר קאָנען אים ניט כאַפּן.

— װאָס הײסט איר קאָנט אים ניט כאַפּן?

— מיר קאָנען ניט, סער, בשום אופן ניט! מיר האָבן נאָר פינף הינט, אַלע שפּיר-הינט, כאַפּן קאָנען זײ ניט. און דער נעגער האָט אַ ביקס, סער, אײן הונט האָט ער שױן דערשאָסן; און די איבעריקע האָבן מוירע און באַומרואיקן אים ניט אַזױ שטאַרק. ער געפינט זיך אין זומפּ, װאוהין מיר קאָנען ניט דערלאַנגען, און ער באַװעגט זיך שנעלער פאַר אונז. מיר יאָגן זיך שױן נאָך אים אַ שאָ צװײ און מיר האָבן מוירע, אַז ער װעט מאַפּקאָלסאָף אַנטרונען װערן.

דער קאַפּיטאַן מאַנטעגיו און זײַן זון זײַנען אױך זײער שטאַרק אױפגערעגט געװען.

— װער זײַט איר אַזעלכער? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— איך בין דזשים הענדערסאַנס עלצטער זון, סער. מע רופט מיך טאָם.
— וואו קומט דאָס אַלץ פאָר, טאָם?
— דאָרט, בײַ דער בוכטע, סער; ניט ווײַטער פון דרײַ מײַל פון דאַנען. מיר האָבן געמאַכט אַרום אַ צען מײַל, סער, ביז מיר זײַנען אָפּ זײַן שפּור געפאַלן.
— און איר זײַט זיכער, אַז דאָס איז ער?
— יאָ, סער, זיכער, סער; טאָם מורײַ מיט זײַנע הינט פון נאַט־שעז [illegible] אונז — קיין בעסערע הינט איז אין גאַנצן קרײַז ניטאָ. זיי [illegible] ניט טויע.
[illegible] אויפגעציטערט און פאַר אַ שטול זיך געכאַפּט.
— [illegible] ווער נאָך איז מיט אײַך? — האָט דער קאַפּיטאַן גע־פרעגט.
— דער פאָטער און מורײַ, און אַ גאַנצער אוילעם פון וואודס־וויל. זיי האָבן מיך געשיקט צו אײַך נאָך הינט; זיי זאָגן, אַז בײַ אײַך זײַנען דאָ עטלעכע גוטע פאַנג־הינט, וועלכע וועלן קאָנען גיין נאָך די איבעריקע און כאַפּן דעם נעגער.
— אָבער אַלע הינט אונזערע זײַנען שוין דרויסן און איך ווייס אַפילו ניט וואו זיי זײַנען, — האָט מיט קאַעס דער קאַפּיטאַן אויס־געשריען. — עס וועט אויסקומען צו פאָרן צו מיסטער הינדס און אָנ־בעטן בײַ אים זײַנע הינט. ער האָט אַ פּאָר שאָף־הינטלעך און אַנ־דערע; זיי וועלן אין איין ־יעגע דעם נעגער פּאַקן.
ער האָט אַ רוף געטאָן אַ נעגער פון דעם צעשראָקענעם און דער־ציטערטן אוילעם, וואָס איז טאַקע דאָ דערנעבן געשטאַנען.
— טין, — האָט ער געזאָגט, — נעם גלײַך אַ פערד און באַגלייט דעם דאָזיקן אינגל צום מיסטער הינדס.
דער נעגער איז אַוועקגעלאָפן נאָך אַ פערד, און דער קאַפּיטאַן מאַנטעגיו האָט זיך ווידער צום אינגל געווענדעט.
— וואָס מאַכט אײַער פאָטער, — האָט ער בײַ אים געפרעגט.
— גאַנץ שטאַרק צעוואָונדעט, — האָט טאָם געענטפערט, —

אבער ער באמערקט עס אפילו ניט, אזוי בייז איז ער. דאס גאנצע פאנעם איז בא אים פארבונדן אזוי, אז ער זעט קוים, און פונדעסט־וועגן איז ער דער ערשטער אפן זוטס.

— ווי ווייט זיינען זיי פון נעגער? — האט דער קאפיטאן גע־פרעגט.

— ניט ווייטער פון א האלבן מייל, — האט דאס אינגל געענט־פערט, — עס טרעפט זיך אפילו, אז מען הערט ווי די הינט בילן. איין הונט איז בא אונז אף א שטריקל צוגעבונדן און פירט אונז...

— ווי אזוי האט זיך עס דער נעגער נעכטן ארויסגעריסן?

— ער האט געהאט א פיסטאליעט באהאלטן, סער. איך בין גראד געווען אין פעלד, ווען דאס אלץ האט פאסירט. ער האט שלעכט געארבעט און דער פאטער האט אים אנגעהויבן מיט א ביטש שלאגן. ער האט זיך אנגעבויגן, אראפגעריסן פון זיך די קיטל, ארויסגעכאפט א מעסער און א וואָרף געטאן זיך אפן פאטער. מיטן ערשטן קלאפ האט ער אים דעם שטערן צעהאקט, און ווען דער פאטער האט זיך געפרואווט דערלאנגען דעם רעוואלווער, האט דער יונג אים צעהאקט די האנט. ער וואלט אים געווים דערהארגעט, ווען איך קום ניט אן מיט א שטעקן. דעמאלט האט ער זיך געלאזט לויפן, און פארשטייט זיך, ווי נאר איך האב באמערקט געווער בא אים אין האנט, האב איך זיך ניט געלאזט נאכיאגן אים. איז ער אנטלאפן, און מיר האבן גענומען הינט מיט זיך און געלאזן זיך גלייך נאך אים, געיאגט א מייל פינף. זיינע שפורן זיינען אין מיטן וועג פארלארן געגאנגען און מיר האבן פארשטאנען, אז ער האט געמוזט קריגן א פערד.

אין א פאר מינוט ארום איז געקומען צו רייטן דער באגלייטער. דאס אינגל האט זיך געזעגנט און זיי זיינען אוועקגעריטן. אללאן, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האט זיך אומגעדרייט און איז אין שטוב אוועק.

דאס בלוט האט בא אים אין די אדערן אין פייערדיקע שטראמען געשטראמט און אין די שלייפן ווי מיט העמערלעך געקלאפט. ער

האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, ווי אַ האַלב משוגענער, ער האָט געדריקט די פויסטן און געברומט זיך עפּעס אונטער דער נאָז... „גאָט, איך וועל עס ניט איבערטראָגן! — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען: — איך וועל עס ניט איבערטראָגן, ניט איבערטראָגן! איך וועל זיי ניט לאָזן דערמאָרדן דעמדאָזיקן מענטשן, ניט לאָזן, ניט לאָזן! מע דאַרף עפּעס טאָן, מע דאַרף העלפן. דאָס איז צו שוידערלעך — דאָס איז אומגלעך!".

קיינמאָל ביז איצט האָט נאָך אים די שקלאַפערייַ ניט אויסגעזען אַזוי שוידערלעך: ווי אַ שעד האָט זיך עס מיט די נעגל צו אים אין האַרץ אַרייַנגעגראָבן און מיט די פריערדיקע אויגן אים אין די אויגן אַרייַנגעקוקט, און אַ ווילדער, אַ ניטמענטשלעכער פּאַכעד האָט אים אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט. ער האָט אויפגעהויבן אַ פעסט צונויפגעדריקטן פויסט: „ניין, ניין, ניין! דאָס וועט ניט געשען!" — האָט ער אויסגעשריען, אַרויסגעשפּרונגען פון צימער און זיך געלאָזן לויפן. ער דאַרף עפּעס טאָן, ער וועט אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר טאָן. מען דאַרף געפינען דעמדאָזיקן מענטש, און אויב גאַרניט וועט ניט העלפן, וועט ער זיך אַליין שלאָגן מיט זייַנע פּייניקער, וועט זיי פאַריאָגן אַלעמען... אַלאַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שטאַל. דאָרט איז קיינער ניט געווען, אָבער אין דער סומאַטאָכע האָט מען דערוויל די טיר געלאָזן אָפן; ער האָט אַרויסגעפירט פון דאָרטן זייַן פערד, אָנגעזאָטלט אים, און קוים אַרייַנשפּרינגענדיק אין זאָטל, זיך אַ לאָז געטאָן מיט דער לאַנקע צום זומפּ. די זון האָט זיך נאָר וואָס געהאָט געזעצט; שווערע בלוטיק-רויטע וואָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט אָפן האָריזאָנט. אונטן, אונטער אַ ברייטן באַרג-אָראָפּ, האָט זיך געטונקלט אַ ריזיקער טאָל, ערגעץ־וואו אין די דאָרטיקע ווילדע געוויקסן האָט זיך געוואָרפן און געפּלאָנטערט און אויסגעמאַטערט און פאַריאָגטער מענטש, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן די וואָרצלען, איז בעזונקען אין די בלאָטעס, האָט זיך געריסן מיט ווילדע הינט, אַנטלויפנדיק פון נאָך מער ווילדע מענטשן. צען מייל האָבן

זיי אים געיאָגט — עפּשער ליגט ער שוין אַן אַנמעכטיקער און הינט רייסן זיין לייב אַף שטיקער, און מענטשן שיסן אין אים!

אללאַן איז צוגעפאָרן צום סאַמע ראַנד פון זומפּ און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער ריזיקער וואַלד האָט ווי אַ קייוער געשוויגן. ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און ווידער זיך אַוועקגעטראָגן פאַזע די בוימוואַל־פעלדער. אַ ברייטער פלויט איז פלוצלונג פון דער פינצטערניש אַרויסגעשוואומען; ער איז אים בייגעקומען מיט איין שפּרונג און האָט זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט. פלוצלונג איז ער שטיין געבליבן.

— וואָס איז עס אַזוינס?

דאָס האַרץ האָט בא אללאַנען אַזוי הויך געקלאַפּט, אַז ער איז ניט זיכער געווען, אַז ער הערט עפּעס. ער האָט זיין אויער ביז ווייטיק אָנגעשטרענגט — ניין, דאָס דוכט זיך אים ניט אויס, — פון דער ווייטנס האָט זיך ווירקלעך געהערט אַ בילעריי. דידאָזיקע בילעריי האָט איצט געגליוערט זיין האַרץ, אָפּהילכנדיק אין דער שווידערלעכער שטילקייט פון דעם זומפּיקן טאָל מיט אַ בייזער עכאָ.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד; עס איז אומעגלעך געווען צו זיצן רואיק. ער האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ און געבראָכן די הענט. די קלאַנגען האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן — יאָ, אָן צווייפל: דאָס האָבן הינט געבילט. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען פוס־טראָט, זיי וועלן אים ניט אָפּלאָזן! אללאַן האָט פון ווייטיק אַ הויכן געשריי אַרויסגעלאָזט, ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן, ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ קאָשמאַר. און ווידער צונויפדריקנדיק די הענט, האָט ער געשעפּטשעט פאַר זיך שטיקנדיק זיך מיט זיינע אייגענע ווערטער: „נו, ניטאָ וואָס צו טראַכטן! ניטאָ! דו וועסט אים זוי עס איז העלפן, דו מוזט אים ראַטעווען! אָבער ווי אַרום? ווי אַזוי?“ —

ווען מען קאָן נאָר צוקומען צו אים — דאָס איז די הויפּט־זאַך. ער וואָלט אים געגעבן זיין פערד, און אַליין וואָלט ער געבליבן דאָ

וואַרטן אַף די נאָכיאָגער. זאָלן זיי טאָן מיט אים, וואָס זיי ווילן — ער האָט פאַר זיי קיין מוירע ניט.

ער איז ווידער אַרויסגעשפּרונגען אַפן פּעחד און פאַרקערעוועט אים צום וואַלד, אָבער דאָס פּעחד האָט זיך פון אָרט ניט גערירט: זיינע פאָדערשטע פיס זיינען איינגעזונקען געוואָרן. קיינע שום גוּ־קעניש האָבן ניט געהאָלפן: אַללאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז אָן אומזין צו פּרואוון זיך אַריבערפאָרן דעם זומפּ באַנאַכט. ער האָט באַשלאָסן דערגרייכן צום נעגער צופוס, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין דעם פאַל וועט ער ניט צוקומען צו אים פריער פאַר די נאָכ־יאָגער, מאַכמעס ער גייט ניט שנעלער פאַר זיי. „ווען ער באַווייזט זיך נאָר!“ — האָט אַללאַן צו זיך אַליין געשעפּטשעט. „יאָ, מען וועט ברענגען צו פירן די הינט — וועט ער שוין מוזן אַרויס“.

„און ווי איז אויב די הינט וועלן אים כאַפּן און טויטן דאָרטן אין דער פינצטער?“ — און אַללאַן איז ווידער פאַרצווייפלט געוואָרן.

דער געביל איז דאַכט זיך געגאַנגען פון דער נידער. אַללאַן איז אַוועק אין יענער ריכטונג. לעכאַטכילע האָבן זיך די קלאַנגען דער־נעענטערט, דערנאָך זיינען זיי ווידער שטיל געוואָרן, אָט האָבן זיך איינציקע בילן געהערט, און אָט האָט אַ גאַנצע טשאַטע הינט גע־האַווקעט. אין אַנדערע ערטער האָבן זיך געטראָפן אייניקע דורכ־לויכטן אין וואַלד, און אַללאַנען פלעגט געלינגען צו צווינגען דעם פּעחד אַריין אין וואַלד אַף עטלעכע קלאַפּטער, אָבער יעדעם מאָל איז אויסגעקומען צוריקצוקערן זיך. אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט באַם זוים פון וואַלד אַ שאָ צוויי, אַ הילפלאָזער, אַן אָנמעכטיקער, ווי אַ געשמידטער אין קייטן. די פאַרפאַלגער האָבן זיך געלאָזט צו יענעם אָרט, וואו ער איז פריער געווען. זיי זיינען צוגעקומען אַהין אַלץ נעענטער און נעענטער. די הינט זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַן אומאויפהערלעכער, מאָנאָטאָנער בילעריי. פּלוצלינג האָט עפּעס אַ נייער קאָל — אַ נידעריקער, ווי אַ גלאָק, אַ הילכיקער געביל זיך פון דעם צווייטן עק זומפּ דערהערט. די פאַרפאָלגער האָבן רעמדאָ־

זיקן געביל דערהערט, אלע מיטאמאל צעפילדערט זיך, און אללאן האט אכקע געטאן: „שאף־הינט“.

די פארפאלגער האבן זיך פלינקער אנגעהויבן באוועגן. די הינט האבן העכער געבילט, שנעלער זיך געטראגן, דערנעענטערט זיך אלץ מער און מער. עס האט זיך דערהערט א שאס — וורייזט אויס, זיי זייגען שוין גאר נאענט! אפן שאס האט זיך אן ענטפער גע־לאזט הערן — א קוויטש און א נידעריקער געביל פון דעם צווייטן עק זומפ. וורייזט אויס, אז די טשאטע האט זיך איבער דער בלאטע א לאז געטאן, נאכן געביל פון די שאף־הינט. דער נעגער איז געלאפן פון איין ווינקל צום צווייטן, און אללאן האט אין פארצווייפלונג אויסגעשריען: „פארוואס־זשע, פארוואס־זשע באווייזט ער זיך ניט?“

דער נעגער האט זיך באוויזן. בא אללאנען האט דאס הארץ האס־טיקער געקלאפט: אים האט זיך געדוכט, אז ער הערט קוילעס, דער־נאך האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער הערט, ווי צווייגן ברעכן זיך. ווידער־א שאס געטאן — דאס מאל גאר נאענט; א הונט האט זיך ווילד צעוואיעט. אללאן האט זיך ניט געקאנט באשליסן — זאל ער רופן אדער ניט רופן דעם נעגער.

„אבער ער מוז דאך ארויס! — האט ער פאר זיך גערעדט, וועו ער האט געהערט דאס געבילעריי אלץ נעענטער און בעענטער. — ער מוז דאך ארויס אף דער ליכטיקער שיין — ער קאן זיך דאך ניט באגע־גענען מיט זיי אין דערדאזיקער שווארצער לאך“.

אנדערש האט עס ניט געקאנט זיין. דאס געבילעריי האט געקלונ־גען אלץ העכער און העכער. אללאן האט אפגעשטעלט דאס פערד, באהאלטן זיך אין שאטן פון א בוים און געבליבן שטיין אומבאוועג־לעך, דאס הארץ האט נאר האסטיקער געקלאפט. אין וואלד האט זיך א גערויש געהערט, אלץ נעענטער־נעענטער, אז אן אפשטעל. אללאנס אנגעשטרענגטקייט איז דערגאנגען ביז דער העכסטער מאדרייגע, דאס האט זיך ווי א ווייטיר יעלאזט פילן אינם גאנצן קערפער, גע־ברענט אין די שפיצן פינגע אנגעצויגן יעדן אייגעם נערוו.

דער קראקן פון געבראכענע צווייגן האט זיך געלאזן הערן אלץ

נעענטער, ווי אַ ווילדע כאַיע וואָלט זיך אין אוראַלטן וואַלד אַ וועג דורכגעלייגט, עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער כריפּנדיקער געדרויש, פון וועלכן אַללאַן איז אויפגעציטערט געוואָרן. די בילערייי פון די הינט האָט קימאַט פאַרטויבט דעם געדרויש, אָבער אַללאַן האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער געדרויש באַטייט און האָט פעסט געהאַלטן דאָס פערד. פאַרויס איז דער פּלאַץ געווען פאַרוואַקסן מיט טשאַראַט, אַ האַלב אויסגעטריקנטן, פינצטערן און געדיכטן, ווי אַ וואַלד; און אין אַ מינוט אַרום האָט דער טשאַראַט זיך צעהוידעט, צעוויגט, עס האָט זיך דערהערט אַ כריפּעניש, אַ טופּעריי — און עפּעס טונקלס איז אויפן וועג אַרויסגעשפּרונגען.

דאָס איז געווען דער נעגער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט די לופט, זיין ברוסט האָט זיך באַוועגט, ווי אַ בלאָז־זאַק. דער כריפּעדיקער געדרויש פון זיין אָטעם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייפּיקן כריפּ, וואָס איז ענלעך אויף דער ריטשעניש פון אַ ווילדער כאַיע. נאָר שנעלער און העכער האָט זיך עס באַ אים באַקומען. אַ קאָנוואולסיווע בליפּעניש האָט אים אין אַ קאַדאַכעס געוואָרפן; ער האָט זיך אין אַלע זייטן אַרומגעקוקט, אַ פאַריאַגטער, אַ דערשטיקטער. ער האָט אַללאַנען ניט באַמערקט, אָבער אַללאַן האָט דייטלעך געזען, ווי דער נעגער האָט ווי אַ בלינדער אויף איין אָרט זיך אַרומגעדרייט און נאָך אַלץ ניט באַנומען, אַז ער איז שוין פון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען.

פאַרויס איז אַ קלאָץ געלעגן: ער האָט זיך אָן איר פאַרטשעפּעט גלייך באַם ערשטן טראַט. אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט באַ דער ערד, איז ער אַריבערגעקראָכן אַריבער דעם קלאָץ און אַוועקגעפויזעט אויף די קניען ווייטער. אַללאַן האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט; ער האָט אָן אַלץ פאַרגעסן און אויפגעציטערט נאָר דאַן, ווען ער האָט דערזען ווי דריי הינט זיינען פון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען. דאָס זיינען געווען דריי קליינע שפּיר־הינטלעך. זיי זיינען אויף קיין טראַט ניט אָפּגעשטאַנען פונם נעגער—זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווען ער איז שטיין געבליבן און האָבן פון אים קיין אויג ניט

אראפּגעלאָזט. ער האָט זיך אָן עפּעס פֿאַרטשעפּעט — האָט איינער פֿון די הינטלעך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ וואָרטשעניש. ער איז אַ ווילע געשטאַנען, אָנגעכאַפּט זיך פֿאַר די זייטן, אָנגע-בויגן זיך צו דער ערד, און צעריטשעט זיך ווי אַ ווילדע כאַיע, און צעפּאַכט זיך מיט די הענט. די הינט האָבן זיך פֿון אים אָוועקגע-דרייט, און ער האָט געכאַפּט אַ שטעקן און מיט העלישער מאַכט-לאָזיקייט געוואָרפֿן אין זיי. זיי זיינען אָפּגעשפּרונגען, אָפּגעשטעלט זיך, — איינער פֿון זיי האָט זיך ביטער צעוואָיעט. דער נעגער איז ווידער מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס אַוועקגעלאָפֿן איבערן פֿעלד, און ווידער האָבן די הינט מיט אַ ווילדער געבילעריי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

פלוצלינג האָט אללאַן דערהערט אַ נידעריקן ענטפֿער-געביל פֿון דער צווייטער זייט בלאָטע, אָבער שוין גאָר נאָענט. דער נעגער האָט זיך אויסגעגלייכט און געלאָזט לויפֿן. אין דערזעלבער רעגע האָט אללאַן דעם פֿערד מיט די אָפּצאָסן אָנגעשפּאַרט און אַרויס אויפֿן וועג.

— שטיי! — האָט ער אויסגעשריען.

דער נעגער האָט זיך אומגעדרייט און איז פֿאַרשטיינערט גע-בליבן. אללאַן, אָן אויפֿגערעגטער און פֿאַרלאָרענער, האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז דער נעגער זוכט עפּעס בײַ זיך הינטערן גאַרטל און, גלייך באַנעמענדיק עס, האָט ער אַ צי געטאָן זיין פֿערד פֿאַר די לייצעס.

— איך וויל דיר העלפֿן! — האָט ער געשריען; אָבער אין דער-זעלבער רעגע האָט דער נעגער די האַנט אויפֿגעהויבן, עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער שאָס; אַ בליץ — און אַ קויל האָט דורכגע-פֿייפֿט פֿאַרביי אללאַנס קאָפּ און האָט זיך צעזשוזשעט אין דער ווייט.

אללאַן איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז ער איז שיער פֿון פֿערד ניט אַראָפּגעפֿאַלן. דאָס פֿערד האָט זיך דערשראָקן ניט ווייניקער פֿאַר אים. דער נעגער האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט, אויפֿן אָרט זיך אומגעדרייט און גלייך געלאָזט זיך לויפֿן. און ערשט איצט איז

פאַר אַללאַנען קלאָר געוואָרן, ווי פולשטענדיק הילפלאָז ער איז און ווי שווידערלעך הילפלאָז עס איז דער נעגער.

אָבער אַפילע איצט האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אונטערגעבן; ער איז נאָכגעריטן נאָך אים, אַף אַ שטרעקע, און הויך געשריען:

— איך וויל דיר העלפן! הערסטו? איך וויל דיר געבן מיין פערד! איך בין דיין פריינט!..

אָבער דער נעגער, אָדער ער האָט ניט געהערט, אָדער ער האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר אַ ביטערן שפּאַס אָדער שפּיצל, האָט זיך געטראָגן אַלץ ווייטער, און אַללאַנס שטים איז דערשטיקט געוואָרן אין דער געוואַיערײַ און געבילערײַ פון דער טשאַטע הינט אין דער בלאָטע.

אַללאַן איז אין פאַרצווייפלונג צוגעפאַלן צו דעם האַלז פון זיין פערד, און די פאַרפאָלגער זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן ערגעץ ווייט אין פעלד.

(עפּטאָן סינקלער, „דאָרעם און צאָפן")

# נעגער לידער

(אַלע דריי לידער זיינען אָנגעשריבן דורך נעגער-דיכטער איבערגעזעצט אין אידיש פון הערש ראָזנפעלד)

## אַריינפיר-ליד

איך בין אַ נעגער:

שוואַרץ ווי די נאַכט,
שוואַרץ ווי די טיפענישן פון מיין אַפריקע.

איך בין אַ שקלאַף:

צעזאַר האָט מיר געהייסן האַלטן ריין זיינע שוועלן.
איך האָב וואַשינגטאָנס שטיוול געבאַרשטן.

איך בין אַן אַרבעטער:
אונטער מיינע הענט זיינען די פּיראַמידן געוואַקסן.
איך האָב געמאַכט ליים פאַרן וואָלוואָירט-טורעם.

איך בין אַ זינגער:
דעם גאַנצן וועג פון אַפריקע ביז דזשאַרדזשיע
האָב איך געטראָגן מיינע טרויער-לידער.

איך בין אַ קאָרבן:
די בעלגיער האָבן אָפּגעשניטן מיינע הענט אין קאָנגאָ.
מען לינטשט מיך איצט אין טעקסאַס.

איך בין אַ נעגער:
שוואַרץ ווי די נאַכט,
שוואַרץ ווי די טיפענישן פון מיין אַפריקע.

## קלאָג-ליד איבער טונקעלע פעלדער

כ'בין געווען אַ רויטער מענטש אַמאָל,
נאָר די ווייסע לייט זיינען געקומען.
כ'בין אויך געווען אַ שוואַרצער מענטש,
נאָר די ווייסע לייט זיינען געקומען.

זיי האָבן מיך פאַריאָגט פון וואַלד,
זיי האָבן מיך אַוועקגענומען פון די ווילדערנישן.
כ'האָב פאַרלוירן מיינע ביימער.
כ'האָב פאַרלוירן מיינע זילבערנע לעוואָנעס.

איצט האָבן זיי מיך איינגעשטייגט
אין צירק פון ציוויליזאַציע.
איצט בין איך אין אַ פילצאַליקער סטאַדע —
איינגעשטייגט אין צירק פון ציוויליזאַציע.

## און וואָס וועסטו זאָגן?

ווייסער ברודער, קום! —

און לאָמיר גיין צו אונזער גאָט.
און ווען מיר וועלן פאַר אים שטיין,
וועל איך זאָגן:

„האַר, איך האָב ניט,
איך וועל געהאַסט.
איך פּייניק ניט קיינעם,
איך ווער געפּייניקט.
איך גלוסט ניט קיינעמס לאַנד,
מיינע לענדער ווערן געגלוסט.
איך שפּאַט ניט פון קיין פאָלק,
מיין פאָלק ווערט פאַרשפּאָט".

און דו, ברודער, וואָס וועסטו זאָגן?

### פראַגן:

1. ווי קומען די נעגערס קיין צפון־אַמעריקע?
2. אין וועלכן טייל אַמעריקע האָט מען אָנגעהויבן זייען בוימוואָל?
3. ווי אַזוי זייַנען נעגערס באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט?
4. וואָס איז אַזוינס דער קו־קלוקס־קלאַן?
5. וואָס איז אַזוינס לינטשן?

### אויפגאַבן:

1. געפינט אויף דער מאַפּע פון צפון־אַמעריקע די דאָרעם־שטאַטן.
2. זוכט אויס אויף דער מאַפּע די גרויס־אינדוסטריעלע אַמעריקאַנער שטעט און שרייבט איבער זייערע נעמען.

# 5. ווי אזוי די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן ראַבעווען אינדיע

## פּאַרוואָס גייען ארום וועגן אינדיע אַסאַך מאַיסעלעך

פיל פון אייך האָבן געווים געלייענט דאָס אינטערעסאַנטע ביכל פונם ענגלישן שרייבער רעדיאַרד קיפּלינג „אין די דזשונגליעס". אין דעמדאָזיקן ביכל באַשרייבט ער די ווילדע אוראַלטע וועלדער אָפן צאָפן פון אינדיע, דאָס לעבן פון די ווילדע כאַיעס אין יענע וועלדער: פון די פּאַנטערעס, העלפאַנטן, טיגערן, מאַלפּעס. ער דער־ציילט, ווי אזוי צווישן דידאָזיקע כאַיעס האָט זיך באַוויזן אַ מענטשן-קינד מיטן נאָמען מאַוגלי, און ווי אזוי דאָסדאָזיקע קינד, ווען עס איז אויסגעוואַקסן, האָט אונטערטעניק געמאַכט דאָס גאַנ־צע מעכטיקע כאַיעס-וועלט פון די דזשונגליעס.

פּאַראַן אויך אַנדערע ביכלעך, אין וועלכע עס ווערט באַשריבן די שיינקייט פון דער אינדישער נאַטור, וואו עס ווערן איבערדער־ציילט אַלטע לעגענדעס וועגן דעם, ווי אזוי עס האָט זיך באַוויזן אַף דער ערד דערדאָזיקער וואונדער-שיינער ווינקל; אָפט טרעפן זיך ביכלעך וועגן אינדיעס צאַדיקים, וועגן אירע הייליקע, וואָס עסן ניט, טרינקען ניט און האַלטן נאָר אין איין זוכן דעם עמעס, די גערעכטיקייט.

און לייענענדיק אַלע אַזעלכע ביכער, הויבן אַן אַסאַך מענטשן טראַכטן וועגן דעמדאָזיקן לאַנד ווי וועגן עפּעס אַ וואונדער-לאַנד, וואו אי די וועלדער, אי די פעלדער, אי די פויגלען, אי די מענטשן,—

אַלץ איז שײן און װאונדערלעך. דאָרט װאַקסן פּאַלמען, ציִטיקן זיך באַנאַנעס, מאַראַנצן. דאָרט װידמען זיך כאַיעס און פֿױגלען, שטאַרקע און שײנע, אַזעלכע קאָן מען נאָר זען בײַ אונז אין די זאָאַלאָגישע גערטנער, דאָרט לעבן איבערנאַטירלעכע, געהײמנים-



הונגערנדיקע אינדישע פּויערים

פֿולע מענטשן. און זעלטן װער עס דערװיסט זיך פֿון אַנדערע ביכער װעגן דער עמעסער אינדיע, װעגן דעם, װי שװער עס לעבט זיך די מענטשן אין דעמדאָזיקן װירקלעך װאונדערבאַרן לויט זײַנע נאַטירלעכע רײַכטימער לאַנד. אָבער אַזעלכע ביכער זײַנען פֿאַראַן

זייער ווייניק. דאָס שטאַמט דערפֿון, וואָס וועגן אינדיע שרייבן הויפּטזעכלעך די באַצווינגער פֿון דעמדאָזיקן לאַנד, רייכע מענטשן. דידאָזיקע שרייבער פֿאָרן קיין אינדיע צו פֿאַרנעמען זיך מיט יאַגד, צו האָבן פֿאַרגעניגן, אַ הוליע טאָן. דעריבער זעען זיי נאָר דאָס, וואָס אַמוזירט זיי, וואָס פֿאַרשאַפֿט זיי פֿאַרגעניגן.

אינדערעמעסן אָבער געפֿינען זיך אין אינדיע אויסער לעמפּערטן, העלפֿאַנטן, מאַלפּעס און צאַדיקים — 320 מיליאָן מענטשן, ד. ה. אין 2 מאָל מער, איידער אין גאַנץ פּסס"ר. דידאָזיקע מענטשן וואוינען אויף אַ האַלב־אינזל, וואָס פֿאַרנעמט קימאַט אַזויפֿיל, וויפֿל עס פֿאַרנעמט גאַנץ אייראָפּע אָן פּסס"ר.

קיפּלינג האָט זייער אינטערעסאַנט באַשריבן דאָס לעבן פֿון די פּאַנטערעס און וועלף אין די דזשונגליעס, אָבער ער האָט דערביי קיין טראַכט ניט געטאָן, ווי שוידערלעך דיזעלבע דזשונגליעס זיינען פֿאַר די אינדיאַנישע פּויערים, וועמען עס איז פֿאַרבאָטן צו האָבן אַפֿילע אַ יעגער־ביקס. זיי זיינען דעריבער פֿולשטענדיק הילפֿלאָז קעגן די ווילדע רויב־כאַיעס, זיי געפֿינען זיך אין אַ שטענדיקן פּאַכעד פֿאַר זיי, זיי קומען אום פֿון זיי. אין 1906 יאָר, זיינען לויט ענגלישע יעדיעס פֿאַרצוקט געוואָרן אין אינדיע דורך רויב־כאַיעס 25.000 מאָן, ד. ה. אַ באַפֿעלקערונג די גרויס אומגעפֿער פֿון אונזערער אַ היפּשער קרייז־שטאָט.

בלויז אין דער סאַמע לעצטער צייט האָבן אין אינדיע גופֿע אָנגעהויבן באַווייזן זיך שרייבער, וואָס דערציילן דעם ריכטיקן עמעס וועגן לעבן פֿון זייער לאַנד, וואָס באַווייזן דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי אין דעמדאָזיקן וואונדערלעכן לאַנד פּייניקן זיך מיליאָנען מענטשן. פֿאָרן בעסטן פֿון דידאָזיקע שרייבער רעכנט זיך אין אונזער צייט מאַנאַבענדראַ נאַט ראָי.

ווער עס וויל וויסן וועגן אינדיע, יענער דאַרף זען לייענען זיינע ביכער וועגן דעמדאָזיקן לאַנד.

## ווי אַזוי האָבן די ענגלענדער באַהערשט אינדיע

די אייראָפּייאישע סאָכרים האָבן שוין לאַנג כיישעק געהאַט צו זיין אין אינדיע. עס האָט זיי געצויגן אַהין די רייכטימער פון יענעם לאַנד, די סכוירעס, וואָס די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אויסגעאַרבעט. פון אינדיע פלעגט מען ברענגען צו פירן קיין אייראָפּע נאַשעריייען (זיסע זאַכן), העלפאַנט־ביין, טייערע שטיינער, פיינע זייד־שטאָפן.

קעדיי זיך קלאָר מאַכן, ווי אַזוי אַ הויפן ענגלענדער האָט אונטערטעניק געמאַכט 320 מיליאָן מענטשן, דאַרף מען זיך באַקאָנען כאָטש וויפל עס איז מיטן באַשטאַנד פון אינדיעס באַפעלקערונג, מיט איר צעטיילונג אויף פאַרשיידענע שיכטן.

אין אינדיע, ווי אין פסס"ר, וואוינט ניט איין פאָלק, נאָר אַ גאַנצע ריי נאַציאָנאַליטעטן. אין אינדיע וואוינען מענטשן פון דער ווייסער, געלער און שוואַרצער ראַסע, אינדיעס באַפעלקערונג רעדט אויף 360 לעשוינעס און דיאַלעקטן. דאָס האָט געהאָלפן די ענגלענדער צו זייען אַ סינע צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג, אָנהעצן זיי איינע אויף די אַנדערע, פאַרשטאַרקנדיק דערביי איר מאַכט איבער זיי אַלעמען. אָבער נאָך אין אַ גרעסערער טאָס האָבן די ענגלענדער אויסגענוצט די לאַגע, וואָס הערשט אינעם באַדייטנדיקסטן טייל פון דער אינדיאַנישער באַפעלקערונג ביזן היינטיקן טאָג, דאָס וואָס די באַפעלקערונג איז צעטיילט אויף פאַרשידענע גרופּעס, וואָס רופן זיך אָן קאַסטעס. אייניקע פון די דאָזיקע קאַסטעס רעכענען זיך פאַר העכערע, לעמאָשל, די בראַמינער, אַנדערע פאַר נידעריקערע. צווישן זיי רעכענען זיך די פּאַריער פאַר פאַרשעט — „אומריינע" באַשעפעניש, צו וואָס אויב מען רירט זיך צו זיי צו ווערט מען אַליין אומריין.

די ענגלענדער האָבן קוידעמקאָל זיך געזען צו געווינען אויף זייער זייט די „וואויל־געבוירטיקע", די רייכע און באַריםטע לייט. די ערד פון די פּריצים און פירשטן (אין אינדיע רופן זיי זיך ראַד־

זשעם) האָבן זיי ניט גערירט, זיי האָבן גאָך דערצו באַלוינט זיי מיט פאַרשיידענע הויכע פּאָסטנס. דאָס האָט אין באַדייטנדיקער מאָס פאַרגרינגערט די ענגלענדער צו פאַרוואַלטן מיטן לאַנד: ענגלישע באַאַמטע געפינען זיך אין אינדיע גאָר ניט קיין סאַך, סאַכאַקל 15.000 מאַן.

קעדיי עס זאָל גרינגער זיין צו גענאַרן דאָס פאָלק, איז ערשט מיט אַ שטיקל צייט צוריק (אין 1919 יאָר) דערלויבט געוואָרן צונויפ־רופן דאָרטן אַ מין פּאַרלאַמענט, ד. ה. אַזאַ אנשטאַלט, וואו גע־ווילטע לייט זאָלן באַטראַכטן די פראַגן פון דער לאַנד־פאַרוואַלטונג. אָבער אויסגעקליבן קענען ווערן אין דעמדאָזיקן אנשטאַלט נאָר די רייכערע לייט, און דער גרעסטער טייל זייערע דעבאַטאַטן אין פּאַרלאַמענט ווערט גאָר באַשטימט דורכן ענגלישן וויצע־קעניג. און באַשליסן קענען זיי אויך וויי‌ניק־וואָס, ווארום יענע באַשלוסן פון פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען דער ענגלישער מאַכט ניט געפעלן, קאָנען אָפּגעשאַפט ווערן דורך דער מאַכט פון דעם וויצע־קעניג אַליין.

לאָמיר זשע איצט אַ קוק טאָן, ווי אַזוי לעבט זיך דעם גרעסטן טייל באַפעלקערונג בא אַזאַ מין „סייכלדיקער" פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד.

## דאָס לעבן פון די אינדישע פויערים

מיר ווייסן שוין, אַז אין אינדיע געפינט זיך אַ 320 מיליאָניקע באַפעלקערונג. פון דידאָזיקע 320 מיליאָן זיינען 220 מיליאָן פויע־רים (ראַיעס). דידאָזיקע 220 מיליאָן מענטשן עסן קיינמאָל ניט צו זאַט. אָבער פון צייט צו צייט טרעפט זיך בא זיי נאָך אַ שוידערלע־כער הונגער אויך. אַזאַ מין פאַל איז געווען, לעמאַשל, אין 1919 יאָר, ווען אין אינדיע איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער 8 מיליאָן מאַן.

פון וואַנען נעמט זיך עס? אָט פון וואַנען. די אינדישע פויערים פאַרמאָגן ניט קיין אייגן ערד. זיי באַקומען ערד אין אַרענדע אָדער בא די פּריצים, אָדער בא דער רעגירונג, און זיי באַדאַרפן צאָלן דערפאַר אַ באַזונדער מין שטייער. באַארבעטן קומט זיי אויס זיי־

ערע קליינע פּיצלעך עהד אָדער מיט אַ הילצערנעם אַקער, אָדער פּאַשעט מיט אַ שפּיציקן פּלאָקן. אויף דער אַרטעדירטער ערד לאָזן די אינדישע פּויערים וואַקסן הויפּטזעכלעך ווייץ, בוימוואָל, דזשוט און אַנדערע אינדוסטריעלע געוויקסן. נאָר אַט האָט אַ פּויער צוגעריכט זיין גערעטעניש און וויל עס פּאַרקויפן. דאָ באַווייזט זיך גלייך דער אויפקויפער, וואָס סטאַרטעט זיך אָפּקויפן די פּראָדוקטן בײַם פּויער מעגלעכסט ביליקער. אַזוי ווי די וועגן אין אינדיע זיינען זייער שלעכטע, און אַגעוו האָט ניט דער פּויער קיין פּערד און וואָגן אויף וואָס צו פירן זיינע פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין, איז ער, פאַרשטייט זיך, געצוואונגען צו פּאַרקויפן דאָס, וואָס ער האָט באַקומען דורך שווערע פּראַצע, פאַר גראָשנס. אָבער דערמיט ענדיקט זיך עס נאָך ניט. פון דעם אָפּגעלייזטן געלט דאַרף ער קוידעם קאָל באַצאָלן פאַר דער ערד, דאָס נעמט בא אים אָפּ אומגעפער דריי פערטל פון זיין הכנסה, א טייל געלט גייט אַוועק אויף אויסהאַלטן די דאַרף-פּאָליציי, אויף רעמאָנטירן די וועגן און בריקן, אויסער דעם דאַרף נאָך דער פּויער באַצאָלן אַ געוויסע סומע פאַר דעם רעכט צו האַנדלען אָפּן מאַרק מיט זיינע פּראָדוקטן. אַזוי גייט בא אים אַוועק דאָס גאַנצע געלט. דעם פּויער מיט זיין פאַמיליע בלייבט גאָרניט ניט איבער, אויסער הונגער. אויב ווידער די פּויערים פּרואוון זיך אַמאָל פאַרטיידיקן פון די גרויסע ערד-שטייערן, פון די שטייערן אויף אויסהאַלטן פאַרשיידענע באַאַמטע, רעכנט מען זיך אָפּ מיט זיי, און אָפּט זייער שוידערלעך. עס טרעפן פאַלן, ווען גאַנצע דערפער ווערן פון דער ערד אָפּגעווישט דורך ענגלישע עראָפּלאַנען, וואָס וואַרפן אויף זיי באָמבעס פון דער לופטן.

און אין דערזעלבער צייט, וואָס דער אינדישער פּויער הונגערט, ווערן אין די האַפנס געלאָדן ריזיקע אָקעאַן-שיפן מיט ווייץ, בוימוואָל און דזשוט. דערנאָך פירן די ריזיקע שיפן אַוועק דעם אינדישן פּויערס פּראַצע קיין ענגלאַנד, וואו דאָס אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד פאַר דעם ענגלישן קאַפּיטאַליסט.

# די אַרבעטער אין אינדיע

ווי די ענגלישע פאַבריקאַנטן זאָלן זיך ניט האָבן געסטאַרעט צו דערשטיקן וואָסער עס איז אינדוסטריע אין אינדיען, האָט זי פונ־דעסטוועגן פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר דאָך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיך. די אינדישע פּריצים און סאָחרים האָבן זיך אַרומ־געזען, אַז עס לוינט זיי אַליין צו בויען פאַבריקן און זאַוואָדן. די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי אין דעם נאָכגעגעבן, די ־ לויבט זיי עס, געוואָרן שותּפים מיט זיי אָדער געליען זיי געלט פאַר גרויסע פּראָצענטן און גענומען אַן אַלע מיטלען, אַז מאַשינעס פאַר דיזאָזיקע פאַבריקן און זאַוואָדן זאָלן איינגעקויפט ווערן נאָר אין ענגלאַנד.

ניט געקוקט אָף די פאַרשיידענע אונטערדריקונגען, וואַקסט איצט די אינדישע אינדוסטריע זייער שנעל. אַ באַזונדער גרויסן טראָט פאָרויס האָט זי געמאַכט נאָך דער לעצטער אימפּעריאַליס־טישער וועלט־מילכאָמע. אין 1923 יאָר איז שוין אין אינדיע גע־ווען העכער 7000 פאַבריקן, אָף וועלכע עס האָבן געאַרבעט העכער 4 מיליאָן אַרבעטער. די גרעסטע פון דידאָזיקע פאַבריקן געהערן צו די ענגלענדער, וועלכע באַרייסן דעם אינדישן אַרבעטער אַן ראַכ־מאָנעס.

ווי זשע לעבן די אַרבעטער אין אינדיע? דער אַרבעט־טאָג דויערט דאָרטן נאָך ביז איצט 14 שאָ. אַרבעטן קומט אויס אין זייער שווערע באַדינגונגען. אָט ווי אַזוי אַן אַמעריקאַנער זשור־נאַליסט באַשרייבט די אַרבעט־באַדינגונגען אָף די אינדישע פאַב־ריקן: „אין געפילדער און שטויב פון אַרבעטנדיקע מאַשינעס האָבן מיר געזען פאַרמאַטערטע אַרבעטער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט זייער אַרבעט. עס האָט זיי שרעקלעך געשטערט די טראָפּישע היץ, די קראַנקהייטן, דער קלעגלעכער פאַרדינסט. אין גערויש און שטויב איז אָפן דיל געלעגן אַ שלאָפנדיק קינד, וועמעס מוטער עס האָט דאָ געאַרבעט. וואָס וועט האָבן דאָסדאָזיקע קינד אין לעבן, ווען

עס וועט אויסוואקסן? עס וועט אויסוואקסן, קעדיי צו פארדינען אף דערדאזיקער פאבריק 2 רובל א וואך. ער וועט זיך באהעפטן צו יענע 30 מיליאן קינדער און יוגנטלעכע, פאר וועלכע קיין שולן זיינען אין אינדיע איצט ניטא".

וואס זשע באקומט דער ארבעטער פאר אזא מין קאטארזשנער ארבעט?

זייער ווייניק באקומט פאר אזא מי אפילו א קוואליפיצירטער ארבעטער. א גרויסע צאל אינדישע ארבעטער האבן ניט ניט נאר קיין אייגענעם צימער, נאר אפילו קיין אייגענעם ווינקל האבן זיי אויך ניט. אט, לעמאשל, ווי אזוי עס קומט אוים צו לעבן די ארבעטער אין באמביי, א גרויסע אינדוסטריעלע שטאט אין אינדיע.

„אין ארבעטער-קווארטאל זיינען אין די הייזער געמאכט אזוינע ספעציעלע נישעס, וואו דער ארבעטער ליגט אנידער אף א גאנצן טאג זיין ארעמען פעקל זאכן, און באנאכט, ווען ער קערט זיך אום פון דער ארבעט, שלעפט ער ארוים פון דארטן זיין צעריבענעם מאטראצל און מאכט זיך א געלעגער טאקע דא אף דער גאס. איז קיין וואונדער ניט, וואס פארשיידענע קראנקהייטן זיינען זייער שטארק פארשפרייט צווישן די ארבעטער, און די שטערבלעכקייט צווישן זיי דערגייט ביז א קאלאסאלער ציפער. פון טויזנט קינדער שטארבן העכער זעקס הונדערט אין עלטער ביז איין יאר". אף די פאבריקן ארבעטן אין דיזעלבע שווערע באדינגונגען ניט נאר דערוואקסענע, נאר אויך קינדער, וואס זיינען נאך ניט אלט אפילו קיין צוועלף יאר. פארשטייט זיך, אז בא אזא מין לעבן איז די צאל שריפטקענעוודיקע צווישן די ארבעטער זייער א קליינע, זי דערגרייכט ניט העכער פון 5—6 פראצענט.

דערפאר אבער גיבן די פאבריקן און זאוואדן ריזיקע רעוואכים, און דידאזיקע רעוואכים שטראמען ווידעראמאל, הויפטזעכלעך, צו די ענגלישע קאפיטאליסטן אין די טאשן אריין.

---

# באַנד מאַטראַם *

(אַ גערוס דיר, מוטער היימאַט)

אַ גערוס דיר, מוטער היימאַט!
איך באַזינג דיינע וואונדערבאַרע שטראָמען,
דיינע זיסע פרוכטן, מיט ווינטעלעך באַהויכטע
פון די הימאַלײַאישע הויכן, וואָס זיינען מיט פעטע גראָזן באַדעקט,
דיינע כוואַליעדיקע מאַיס־פעלדער.

* * *

אַ גערוס דיר, מוטער היימאַט!
איך באַזינג דיינע פּרעכטיקע נעכט,
וואָס זיינען מיט וואונדערבאַרער לעוואָנע־שיין באַהעלט,
דיינע בוימער אין זייער בליעכץ, וואָס פלאַקערט אין דער ווייט,
און דעם זיסן געמורמל פון דיינע שמייכלענדיקע טעג.

* * *

אַ גערוס דיר, מוטער היימאַט!
מיליאָנען ליפּן רימען דיך און דריקן שטייף דיין ווילן אויס.
מיליאָנען הענט, באַוואָפנטע מיט שאַרפע שווערדן, הויכן אויף זיך
צו דיין פאַרטיידיקונג.
ווער, אַ, מוטער היימאַט, וועט אַ צווייפל טאָן אין דיין מעכטיקייט
און וועט זאָגן, אַז דו ביזט אָנמעכטיק?

* * *

אַ גערוס דיר, מוטער היימאַט!
דו ביזט מיין קאָפּ, מיין האַרץ, מיין לעבן און מיין נעשאָמע;

---

* אינדיעס נאַציאָנאַלער הימן. בלויז פאַר זינגען דעמראָזיקן הימן ווערן אין אינדיע די זינגער געשלאָגן דורך דער פאָליציי. און אויב אין אַ וועלכער עס איז שטאָט זינגט דעמראָזיקן הימן אַ טויזנטקעפּיקער עולם, ווערט אַרויסגערופן דאָס מיליטער פון די קאַזאַרמעס און ווערט צוגעגרייט צו שיסן אין די זינגער.

דו ביזט דער לעבנס־קוואל פון מיין גוף,
דו ביזט דער קויעך פון מיינע הענט, דו ביזט דער גלויבן פון מיין
הארצן,
צו דיינע פיס לייג איך מיין ליד, מיין קונסט און מיין אנטציקונג.

* * *

א גערוס דיר, מוטער היימאט!
איך באזינג דיין ריינע, אייביקע, אומפארגלייכלעכע שיינקייט,
דיינע מעכטיקע טייכן, דיינע פרעכטיקע בוימער,
דיינע גרינענדיקע ברעגן און דעם פרישנדיקן ווינטעלע,
וואס צעטראגט א ליבּ דיר, א, היימאט...

# ס א מ י

## 1

א גוטער סאהיב בא סאמין, א קלוגער,
נאר מיט זיין סטעק פלעגט די ביינער אים ברעכן;
א גוטער סאהיב בא סאמין, א קלוגער,
נאר האט סאמין פאר קיין מענטש ניט גערעכנט.
מיט איין אויג קוקט אף אים אלע מאל נאר,
קיין דאנק פאר אים קיינמאל ער האט ניט.
סאמי ווארימט זיין טעצל צום גאלן,
זיין פערד אף צו רייטן ער זאטלט.
אף א האר נאר וועו סאמי פארזינדיקט —
אלע ווייסט סאהיב, צו ווישנו געגליכן, —
זיינע פיאטעם מיט ריטער מע שינדט אים
זייער שמארציק און זייער הילכיק.
נאר סאמים טאטע איז געוועז אין בעדזשאפור
ניט אומזיסט אלע יארן א לויפער,

מ׳קען דאָס אינגל אַף מאַרקן ניט כאַפּן,
וואָס אַ יאָר — זײַנע פֿיס גיכער לויפֿן.

2

אַף אַ יאָר ניט קיין גוטן דערוואַרט זיך —
גרויען רײַטפֿערד אַ שלאַנג האָט צעביסן,
אַ גיפּטיקע קאַבּרע אַ שוואַרצע.
אַ ניט־גוטער האָט אין טעלעפֿאָן זיך געריסן.
איינמאָל סאַהיב — פֿון בעט ניט אַרויס נאָך —
געוואָלט לייענען די נײַס פֿונם טאָג האָט,
צעפּויקט גאַנג וועגן דעם מיט אַ גרויסקייט,
איז סאַמי מיט דער צײַטונג ניטאָ גאָר.
דעראַוורמען צום גאָלן דאָס טעצל
געמוזט האָט אַ צווייטן באַפֿוילן איצט,
און ס׳האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט זיך:
ניט געהאַדעוועט אַרויס איז דער מויל איצל.

3

נאָך אַ וואָך האָט זיך אומגעקערט סאַמי
ווי פֿון טשערעדע אַן אָפּגעשטאַנען בעקל,
מיט צעדראַפּעטע פֿיס און צעדאַמטע
אָפּגעריסן, דאַר, ווי אַ שטעקל.
אַ בייל־בלויער אויפֿלויף אַף שטערן
האָט געשײַנט, ווי אַ פֿראַבע אַף גילדנס.
פֿלעגט זען סאַהיבס נאָר איין אויג, ניט מערער,
איצט דערזען האָט ער בײדע און ווילדע.
— וואו בעוועזן ביזטו, מאַלפּע אַן ווײַדל?
אין זײַן וועג־שטול זיצט סאַהיב און פֿרעגט אים,
סאַמי ענטפֿערט פּראָסט און באַשיידן:
— כ׳האָב מוירע געהאַט פֿאַר דײַן שטעקן,

כ'האָב געוואָלט צו דעם הערשער אַוועקגיין,
וואָס איז גרעסער פון האַדזשעס און בראַמינען.
האָב פאַרלאָרן אין טאָלן די וועגן
און פאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ קעצל אַ בליינדס.
— ביסט געבוירן צו פאָלגן און הערן,
ווארעם וואסער גאַנצפרי/מיר פאַרגרייטן,
ברענגען בריוו און די שטאָלן פאַרקערן —
כ'בין דיין הערשער, דו מאָלפע אַן ווייקדל.

4

איבער די שנייען, וואָס פירן צום הימל
ווי טרעפּ אַרויף, האַרטן לעבט יענער
אין אַ שטאָט מיט גרויסשטאָטישן טומל;
און באַ מענטשן זיין נאָמען איז לעניין,
אַלע הונגעריקע נאָך ברויט צו אים קומען;
ער קען מענטש אין דער כאָיע דערוועקן —
אַ גרויסער סאַהיב איז ער אונטער הימל,
און ער שלאָגט זיך ניט מיט קיין שטעקן.
סאַמי שטאַמט פון מאַהאַראַדזשער מישפּאָכע,
צוליב אים וועט ער איבעם פאַרבויגן,
צום גאָלן וועט וואסער אים קאָכן,
טראָגן בריוו, זיין פערד עסן פאַרלייגן.
פאַר זיין דינען געטריי וועט אים לענין
אַזוי פיל אייצעס און רופיעס באַווילקן,
אַז גאָרע וועלט האָט אַזוינס ניט געזען נאָך —
אַלע סאַהיבן וועט סאַמי פאַרטיליקן.

5

— פאַרפאַלענער, וואוסטו דאָס געהערט אַלץ?
און סאַמי געשמייכלט האָט שעלמיש:

— דאָרט וואו זיין פּאָר ווייסע איז געפּערלעך,
אין אַ טריטסאָר באַ די מאַרקישע שטעלן.
ניטאָ קיין פאַרבאָרגנס פאַר סאַכרים,
וואָס באַם סוחר אַף זינען זיי ווייסן,
אין האַכילקענד פון פערד די מעקאַכים,
און דער לענין סאַראַ כאַכאַם אַ גרויסער.
— גיי אַוועק! — האָט געזאָגט באַלעבאַס אים;
און אַוועק מיט ניצאָכן איז סאַמי.
באַ זיך האָט זיך סאַהיב פאַרשלאָסן,
אַפילע עסן ניט אַרויס פון זיין קאַמער.

6

און סאַמי געקניט אין אַ זייט האָט,
אַ קליינינקער, שטילער און בלייכער,
און געבעטן צו לענין דעם ווייטן,
וואָס ווייט איז, ווי יאָגי פון סייכל.
זאָל דערהערן זיינע קליינע פאַרלאַנגען
אין זיין שטאָט, וואָס צו איר וואָלט אַ פויגל,
וואָס פליט, אויך ניט שטענדיק דערלאַנגען,
ווען געשווינדער פון בליץ וואָלט געפלויגן,
וואָלטן אויך זי צעזוייקן די רעגנס,
ס׳וואָלט אַ העלפאַנט פון לויפן געפאַלן,
סאַהיבס וואָגן, אַף די אייזערנע וועגן
וואָלט פון שטורעמס אַף שטיקלעך צעפלויגן.

7

און דער לענין געווען אַזוי ווייט איז
און באַלד דערהערט האָט ער סאַמין.
מיט אויגן גרויסע און פייכטע
איז דאָס אינגל אַף די קני נאָך געשטאַנען.

שטייט ער אויף אזוי גרינג, ניט ווי טאמיד, —
ווי מיט אייל מ'וואלט באשמירט זיינע גלידער,
און אף זיין טונקל געשטאלט מיט בסאמים
האט עמעצער אונטערגעווייזט געניידערט.
און געווען איז ער, ווי נייגעבארן
און איצט שוין א מענטש, ניט קיין קנעכט מער,
ער האט שוין פאר קיינעם ניט מוירע,
מער ניט שלאגן וועט זיך סאהיב דער שלעכטער.

**נ. טיכאנאוו. אידיש — ל. רעזניק.**

---

ס א ה י ב — א האר, א באלעבאס,
ו ו י ש נ ו — איינער פון די אינדישע געטער.
ב ע ד ז ש א פ ו ר א — א פראווינץ אין הינדוסטאן.
ק א ב ר ע — א שרעקלעך גיפטיקע שלאנג.
ג א נ ג — קופערנער-פייקל.
ר א ד ז ש א — א גרויסער האר, א פירשט
ב ר א מ י ן — דער וואס געהערט צו דער בראמינישער קאסטע. די אינדוסן ווערן צעטיילט אף 4 אפגעזונדערטע שטאנדן אדער קאסטעס. די העכסטע קאסטע איז די בראמינישע — די קאסטע פון סויהאנים, גייסטלעכע.
מ א ה ר א ד ז ש — א קריגערישער שייוועט, האט געשפילט א גרויסע ראליע אין דער געשיכטע פון הינדוסטאן, האט געוועלטיקט איבער א גרויסער מעלוכע.
ר ו פ י ע — אן אינדישע מאטבייע — א קנאפער רובל געלד.
א ס מ ר י ט ס א ר — נאמען פון א שטאט, אין וועלכער די ענגלענדער האבן צעשאסן טויזנטער אינדוסן.
ס ו ד ר — די קאסטע פון באלעמלאכעס, די נידעריקסטע פון אלע פיר קאסטעס.
ר א כ י ל ק ע נ ד — נאמען פון א שטאט.
י א ג י — לויט דעם גלויבן פון די אינדוסן — אזא דערהויבענער צושטאנד פון דער נעשאמע, ווען די נעשאמע באהעפט זיך מיט גאט.

## פראגן:

1. מיט וועמענס הענט האָלטן די ענגלענדער אין דער קלעם די אַרבע־טער און פויערים אין אינדיע?

2. וואָס זייען אָפּ זייערע פעלדער די פויערים אין אינדיע?

3. צו וועמען פאַלט אַריין דער גרעסטער טייל איינקונפטן פונם אינ־דישן פויער?

4. פאַרוואָס איז אַזוי גרויס דער פּראָצענט איוורעלאָזע צווישן די אינ־דישע אַרבעטער?

5. פאַרוואָס לוינט די ענגלענדער צו עפענען פאַבריקן אין אינדיע?

## אויפגאַבן:

1. שטעלט צונויף אַ דיאַגראַם, וואָס זאָל באַווייזן ווי גרויס איז דער טייל פון דער אינדישער באַפעלקערונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט.

2. געפינט אָפּ דער מאַפּע די שטאָט באָמביי. קוקט זיך צו, וועלכע נאָך גרויסע שטעט געפינען זיך אין אינדיע, און שרייבט אַראָפּ זייערע נעמען.

3. קריגט ערגעץ אַ ביכל וועגן דעם, ווי עס וואַקסט בוימוואָל און לייענט עס איבער.

# 6. אין לאַנד פון די געלע מענטשן

## קינדער אין כינע

ווי אַלט ביזטו, לייענער? געווים ביזטו אַלט צען, צוועלף אָדער פערצן יאָר. ווי מיינסטו: קאָן מען דיך פאַרקויפן, אויסבייטן אויף ברויט? געווים וועסטו זיך זייער פאַרוואונדערן, ווען דו וועסט איבערלייענען דידאָזיקע פראַגע, און דו וועסט זאָגן: פאַרשטייט זיך, אַז ניין; איך בין דאָך ניט קיין בהימה און ניט קיין סכוירע. אָבער אויף אין דעם לאַנד, וואָס רופט זיך כינע, קאָן מען דאָס טאָן. אַפּילע אין אונזער צייט פאַרקויפט מען נאָך דאָרטן קינדערלעך פּונקט אַזוי, ווי מען פאַרקויפט בײַ אונדז שעפּסן אָדער פערד. דערביי ווערן די קינדערלעך פאַרקויפט פאַר זייער אַ נידעריקן פּרייז, באַזונדערס מיידעלעך. אָפטער פון אַלץ ווערט דער קינדער-האַנדל געפירט אין שטאָט. צו וואָס זשע באַדאַרף מען זיי דאָרטן? עס איז גרינג צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע, אויב מען זאָל נאָר אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף די פאַבריקן אין כינע. בלויז אין איין שאַנכאַי (דאָס איז איינע פון די גרעסטע כינעזישע אינדוסטריעלע שטעט) אַרבעטן אויף די פאַבריקן 150.662 קינדער, פון זיי 106.000 מיידעלעך. ווי אַלט זיינען דידאָזיקע קינדער? 20.000 קינדערלעך פון דער אויבנגערופענער צאָל זיינען אַלט סך-הכּל פון 4 ביז 8 יאָר. וואָס עס טוען דידאָזיקע קינדערלעך און אין וועלכע באַדינגונגען זיי אַרבעטן, באַשרייבט אויספירלעך ס. טרעטיאַקאָוו, וואָס איז ניט לאַנג געווען אין כינע. אָט וואָס ער שרייבט: „אין שאַנכאַי, וואו דאָס אויג זאָל נאָר ניט אַ קוק טאָן, אַרבעטן קינדער. שטוב-ווירטשאַפט, קראָמען,

קאָסמעטישע װערקשטעלן, טעקסטיל, טאַבאַק און שװעבל־פֿאַב־ריקן, שיפֿס־װערפֿן, דרוקערייען, — דאָס אַלץ לעבט און שפּייזט זיך הויפּטזעכלעך מיט קינדערשער מי.

אָפֿט פֿאַרקויפֿן די עלטערן זייערע קינדער פּשוט פֿאַר שקלאַפֿן צו די באַלעבאַטים. אין יאָר 1924 איז אַנטפּלעקט געװאָרן אַ פֿאַל פֿון עכטער שקלאַפֿעריי. אין איינעם אַ װאַרשטאַט זיינען געפֿונען



קינדער — ארבעטער אין כינע

געװאָרן 31 אינגלעך אין עלטער פֿון 12 ביז 15 יאָר. געפֿונען האָבן זיי זיך אין אַ קעלער, פֿון װאַנען מען האָט געקאָנט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין נאָר דורך דער סטעליע. מען האָט זיי געצװונגען צו אַרבעטן טאָג װי נאַכט. פֿאַר דעם מינדסטן פּרוּװ צו אַנטלױפֿן פֿון דאָרטן פֿלעגט מען באַשטראָפֿן מיט שמיץ. די קינדער פֿלעגן באַ־קומען צו הויפּנס רייז צװיי מאָל אַ טאָג". פֿאַרקויפֿט זיינען געװאָרן

דידאַזיקע קינדער פאַר אַ פּרייז פון 5 רובל פּאַר אַ קינד. אַף די פאַב־ריקן אַרבעטן די קינדער צו 12—14 שאָ. פון אַזאַ מין אַרבעט ווערן זיי, פאַרשטייט זיך, זייער גיך אָפּגעשוואַכט. אָבער אַפילע דאַן לאָזט מען זיי אויך ניט צורו, מע באַדאַרף וואָס מער רעוזאַכים אויסזויגן פון די קינדער, קאַלזמאַן זיי לעבן נאָך, קען מען גאַנץ אָפּט זען ווי מע פירט אַף וועגעלעך שמוציקע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע, שרעקלעך אויסגעמאַטערטע קינדער. דאָס פירט מען זיי צו 5, צו 10 קינדערלעך אַף אַ וועגעלע צו דער אַרבעט. מע פירט זיי דער־פאַר, ווייל זיי האָבן שוין קיין קייעך ניט צו גיין מיט די אייגענע פיס.

וואָס זשע צווינגט די עלטערן צו פאַרקויפן זייערע קינדער אין אַזאַ שרעקלעכער קנעכטשאַפט, צו פאַרמישפּעטן זיי צו אַרבעטן אין אַזעלכע שווידערלעכע באַדינגונגען? עפשער זיינען פאַשעטע די כינעזער אַזאַ ווילד און שלעכט פאָלק? אַלס אַזעלכע שילדערן זיי טאַקע אָפּט שרייבער פון פאַרשיידענע בורזשואַזע מעלוכעס. „גזלע שיידים", „גאַזלאָנים", — אַזעלכע נעמען באַקומען בא זיי אָפּט די כינעזער. און ווען די איירעפּייער אָדער די אַמעריקאַנער שיסן פון זייערע אויסגעצייכנטע האַרמאַטן אין די כינעזער, זאָגן זיי טאַקע, אַז זיי טוען עס קעדיי צו פאַרהיטן די „קולטורעלע" פעלקער פון דער „געלער געפאַר". קעדיי פעסטצושטעלן אַף וויפל דאָס איז ריכטיק, וועלן מיר אַ קוק טאָן, ווי עס לעבט זיך דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג פון כינע, וואָס צווינגט אינדערעמעסן די טאַטעס מיט די מאַמעס צו האַנדלען מיט זייערע קליינינקע קינדערלעך.

## דאָס כינעזישע דאָרף

כינע איז אַ גרויס און געדיכט באַפעלקערט לאַנד. לויטן פּלאַץ, וואָס זי פאַרנעמט האַלט זי אַ העלפט פון פסס"ר, אָבער איר באַ־פעלקערונג איז אין דריי מאָל גרעסער איידער בא אונז אין פ אַ ר־ב אַ נ ד. די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער אין כינע באַטרעפט ניט ווייניקער פון 400 מיליאָן מאַן. העכער 300 מיל. פון דערדאַזיקע' צאָל

פאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט. אַזוי ווי די באַפעלקערונג איז זייער גרויס, און ערד איז פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק, באַזיצט יעדער כינעזישער פויער באַזונדער זייער קליינע פיצלעך ערד. פאַראַן אין כינע אייגנטימער פון איין צוואַנציקסטל אָדער פון איין פופצנטל דעסיאַטין ערד. ווי קליין עס איז דער ערד־באַזיץ פונם כינעזישן פויער זעט זיך אָן אויך דערפון, וואָס אַלס מאָס פון דער ערד רעכנט



א שיפל אנשטאט א הייז, וואס אין דעם וואוינט א כינעזישע פויערים-פאמיליע פון 8 מענטשן

זיך אין כינע די מו, וואָס איז די גרויס סאַבאַקל איין זעכצנטל פון אונזער דיעסיאַטינע. אַן ערך אַ דריטל פון די כינעזישע פויערים פאַרמאָגן צו איין דעסיאַטינע ערד; אָט פאַרוואָס דער כינעזישער פויער, באַזונדערס אין די דאָרעמדיקע טיילן פון כינע, איז גיכער אַ גערטנער אידער אַן אַקערמאַן.

אַזוי ווי דורכלעבן זיך פון אַזעלכע פיצלעך ערד איז קימאַט אומעגלעך, מוזן די ווייניקער פאַרמעגלעכע פויערים אָנקומען צו

די פריצים און נעמען בא זיי ערד אין ארענדע. אין אזעלכע פאלן קומט אוים זייער פיל צו צאלן יענעם, וואס גיט די ערד. אין דורכ־שניט קומט אוים, אז דער פויער הארף באצאלן א העלפט פון דער גערעטעניש פאר ארענדע, אבער עס טרעפט זיך אמאל א טריקע־ניש אדער א פארפלייצונג, וואס ברענגט אום דעם גאנצן פארזיי, און אין אזעלכע פאלן איז דער פויער סיי־ווי־סיי מעכויעוו צו בא־צאלן דעם ערד־אייגנטימער מיט פראדוקטן אדער מיט געלט אין דער מאס פון א מיטל־גערעטעניש פון זיער ארענדירטער ערד.

אף זייערע פיצעלעך ערד זייען די כינעזישע פויערים בוים־וואל, דזשוט, רייז, טיי, צוקער־ראר, ווייץ, טאבאק און פארשיידענע בעבלעך. לויט דער סומע בוימוואל, וואס וואקסט אין דער גאנצער וועלט, שטייט כינע אפן צווייטן ארט, און לויט דער סומע טיי — אפן ערשטן. די כינעזישע פויערים באארבעטן זייער טיכטיק זייערע פיצעלעך פעלד. די דאזיקע ארבעט פאדערט זייער פיל קויכעס און צייט, מאכמעס קיין ארבעט־פי איז אינם כינעזישן דארף קימאט ניטא, און וועגן לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס איז גאר ניטא וואס צו טראכטן. די ערד ווערט אפט באארבעט מיט א הילצערנער סאכע, אין וועלכער עס זיינען מענטשן איינגעשפאנט, און אפטער גראבט מען אויף די ערד מיט האנט־געצייג (מיט א גראב־אייזן אדער מיט א פלאקן). די זריע ווערט פארזייט אין גלייכע שורעס, ווי בא אונז אף די בייטן, יעדער אייניציקער געוויקסל ווערט אויפ־מערקזאם באארבעט. יעדן יאר בייט דער כינעזישער פויער די געוויקסן אף זיין ערד, — דארט וואו ער האט געזייט ארבעס, זייט ער רייז, וואו ער האט געזייט רייז, זעצט ער איצט בעבלעך א. א. וו. און דערמיט פארהיט ער די ערד פון אויסגעמאגערט ווערן. קיין בעהיימישע באמיסטיקונג פאר די פעלדער האבן דארט די פויערים ניט, ווייל די דערפערי האבן צוליב זייער ארעמקייט קיין בעהיימעס ניט, אבער זיי גיבן זיך אן אייצע און זייערע פעלדער זיינען קימאט שטענדיק גוט באמיסטיקט: און ספעציעלע קיילים זאמלען זיי די אשטאנע מיט דער צויע פונם גאנצן הויזגעזינד, מע קלייבט

צונויף אף די וועגן דעם מיסט פון די פערד און קעמלען, פון די פויגלען, מען קלייבט צונויף די רעשטלעך פון גרינסן, אש, פילע־נעס. קעדיי עס זאל זיין גענוג וואסער פאר די פעלדער, האבן די כינעזער באדעקט דאס גאנצע לאנד מיט באוואסערונג־קאנאלן. אזא מין אויפמערקזאמע און טיכטיקע ארבעט ארום דער ערד גיט אמאל א 2—3 גערעטעניישן א יאר.

אבער אפילע אזעלכע גערעטעניישן קלעקן נים אף צו געבן צו דער זאט עסן דער מערהייט פויערים מיט זייערע מישפאכעס. א העלפט פון דער גערעטעניש, ווי דאס איז שוין אויבן געזאגט גע־ווארן, דארפן זיי אוועקגעבן פאר דער ארענדע. אויסער דעם דארפן זיי צאלן שטייערן דער רעגירונג אף אויסצוהאלטן די ארמיי, דארפן אויסהאלטן יענע מעלוכע־באאמטע, וואס געפינען זיך אין דארף אף אויפצומאנען דעם שטייער.

אפט הויבט מען אן מאנען די שטייערן אומדערוואַרט, און דעם ארעמען פויער קומט דעמאלט אויס צו אנטלייען געלט. געלט קאן ער ווידעראמאל לייען אדער בא די גרויסע ערד־באזיצער אדער בא די רעגירונג־באאמטע. סיי די איינע, סיי די אנדערע נעמען אין אזעלכע פאלן ריזיקע פראצענטן. דאס אלץ ברענגט דערצו, אז דער גרעסטער טייל פון די כינעזישע פויערים שטארבן שיר נים פון הונגער. און אויב עמעצער האט א גרויסע פאמיליע האט ער גאר־נים וואס צו טראכטן וועגן דורכלעבן זיך. דעריבער איז ווי נאר די קינדער וואקסן אביסל אונטער סטארעט מען זיך גלייך איינצאָרדע־נען זיי אין שטאט אף ארבעט, מאכמעס אין דארף קלעקט פאר זיי קיין שפייז נים. און ווען עס טרעפט זיך עפעס א שטיקל אומגליק, ווי א טריקעניש אדער א פארפלייצונג, ווערן רואינירט גאנצע דער־פער. דעמאלט קאן מען לייכט קויפן קינדער, מאמעש אומזיסט גיבן זיי אזוועק די עלטערן זייערע, אבי צו ראטעווען זיי פון הונגער־טויט.

אזוי לעבט זיך אינם כינעזישן דארף. איצט לאמיר א קוק טאן ווי לעבט זיך אין דער כינעזישער שטאט.

# די כינעזישע שטאָט

די גרויסע כינעזישע שטעט געפינען זיך הויפּטזעכלעך אַף דאָרעם־כינע. לאָמיר אָקערשט פאַרגעדענקען די נעמען פון אייניקע פון זיי: קאַנטאָן, שאַנכאַי, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, נאַנקין. אַף צאָפן כינע איז באַזונדערס באַוואוסט די אַלטע כינעזישע שטאָט פּעקין. דידאָזיקע שטעט האָבן זיך זייערע באַזונדערע אייגנטימלעכקייטן, וואָס עס פאַרמאָגן נית אונזערע שטעט. די סאַמע אינטערעסאַנטסטע צווישן זיי איז דאָס, וואָס יעדע שטאָט טיילט זיך אַף צוויי טיילן: אין איין טייל וואוינען אייראָפּייער, אין צווייטן — כינעזער. די כינעזער האָבן קיין רעכט נית אַ פוס צו שטעלן אַפן אייראָפּייאישן טייל אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, דער וואָס וואַגט דאָס יאָ צו טאָן, ווערט שטרענג באַשטראָפט. דאָס צווינגט אונז גלייך זיך צו פאַרטראַכטן: וואָס באַטייט עס? פאַר וואָס האָבן די כינעזער בא זיך אין לאַנד קיין רעכט נית צו גיין איבער די גאַסן פון זייערע שטעט?

די צווייטע אייגנטימלעכקייט פון די כינעזישע שטעט, איבערהויפּט פון די דאָרעמדיקע, זיינען די ריזיקע פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זיינען באַזאָרגט זייער אָפט מיט די סאַמע בעסטע מאַשינעס. דידאָזיקע פאַבריקן געהערן מערסטנטייל צו ענגלענדער, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער. אַפן צאָפן־כינע זיינען די באַלעבאַטים פון דער אינדוסטריע די יאַפּאַנער. אַף דידאָזיקע אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן אַרבעטן כינעזער.

וואָס פאַר אַ פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען עס? וואָס אַרבעטן זיי אַמערסטן אויס? דעם ערשטן אָרט פאַרנעמט איצט אין כינע דאָס אַרויסבאַקומען שטיין־קוילן און אייזן; דעם צווייטן — די בוימוואָל באַאַרבעטונג.

דאָס אַרויסבאַקומען שטיין־קוילן און אייזן ציט באַזונדער שטאַרק צו די אויפמערקזאַמקייט פון די אויסלענדער, מאַכמעס אין כינע געפינען זיך ריזיקע רעזערוון פון דידאָזיקע נויטיקסטע מאַטע-

ריאלן. מע רעכנט, אַז אין כינע געפינט זיך אַ רעזערוו שטיין-קוילן, וואָס וועגט ניט ווייניקער פון 1 טריליאָן טאָנען*, אייזן — 677 מיליאַרד טאָנען; קיידיי קלאָרער זיך פאָרשטעלן ווי גרויס דידאָזיקע רייכטימער זײַנען, איז גענוג צו זאָגן, אַז אין גאַנץ מאַירעוו-אייראָפּע באַטרעפט דער שטיין-קויל רעזערוו 750 מיליאַרדן טאָנען.

אַף די טעקסטיל-פאַבריקן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל געפינט זיך אין שאַנכאַי, ווערט באַאַרבעט אַ ריזיקע מאַסע בוימוואָל. דער וואוקס פון דער צאָל טעקסטיל-פאַבריקן איז זייער אַ שנעלער. די ביליקייט פון דער כינעזישער אַרבעט מאַכט זייער לוינבאַר דאָס בויען פאַבריקן און זאַוואָדן אין כינע. און דער אַרבעטלוין איז אין כינע אַ נישטיקער. ווי אַזוי די אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטן ווערן רייך פון דער קינדערשער פּראַצע פון די כינעזישע קינדער האָבן מיר שוין געזען אויבן. ניט אַנדערש האַלט עס אויך מיט דער לאַגע פונם דערוואַקסענעם כינעזישן אַרבעטער. פּונקט ווי אין אינדיע, אַזוי אויך אין כינע אַרבעט דער אַרבעטער פון 12 ביז 14 שאָ אין מעסלעס, באַקומט דערפאַר אַן אויסערסט נישטיקן לוין, לעבט און נעבטיקט פאַשעט אַף דער גאַס. אינגאַנצן איז דאָ אין כינע פאַבריק-אַרבעטער ביז 5 מיליאָן מאַן.

נאָך אין איינגנטימלעכקייט פאַרמאָגן די כינעזישע שטעט: דאָרט אַרבעטן מענטשן אַנשטאָט פעחד. דאָס זײַנען די אַזויגערופענע ריקשעס. שווער איז דידאָזיקע אַרבעט. אַפט קאָן מען זען אַף די כינעזישע גאַסן, ווי אַ דאַרינקער אינגל טראָגט זיך אין די האָלאָבליעס פון אַ בריטשקעלע, אַף וועלכער עס זיצט ברייט אַ דיקער, אויסגעפאַשעטער אייראָפּייער. די אַרבעט איז אַזוי שווער, אַז געוויינלעך ווערט צו דרייסיק יאָר אַזאַ מין מענטש-פערד אַ פולשטענדיקע קאַליקע, און אים בלייבט נאָר איינס — שטאַרבן פון הונגער.

אָט אַזוי אַרבעטן די האָרעפּאַשנע כינעזער. פון זייער שווערער פּראַצע וואַקסן טייערע געוויקסן אַף זייערע פעלדער, זיי אַליין

* אַ טריליאָן איז מיליאָן מאָל מיליאָן. אַ טאָנע וועגט 1000 קילאָגראַם.

באַרבעטן זיי אַף די פאַבריקן, זיי גראָבן אויס פון אונטער דער ערד שטיין־קוילן, אייזן, און פון דעם אַלעמען האָבן זיי גאָרניט, דאָס אַלץ נעמען זיך צו די היימישע פּריצים אָדער די רייכע אויסלענ־דער, דאָס אַלץ פירן זיי אַרויס צו זיך אין זייערע לענדער.

## ווער איז באַלעבאָס אין לאַנד

כינע רעכנט זיך פאַר אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע. זי האָט זיך איר רעגירונג. אָט פאַרוואָס מען קאָן ניט זאָגן גלייך, אַז כינע איז אַ פּאָשעטע קאָלאָניע. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אויס, אַז כינע איז



א דיוויזיאָן ענגלישע טאַנקן אין שאַנכאַי

זעלבסטשטענדיק. אינדערעמעסן באַלעבאַטעווען שוין אין כינע פון לאַנג די קאַפּיטאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער. גיט אַ קוק אַף דער קאַרטע, דאָרט איז מיט פאַרשיידנשטריכירטע וויזערס באַ־צייכנט, וועלכע לענדער עס ציען זיך צו די כינעזישע רייכטימער: דאָס איז אַמעריקע (די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן), ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַניע. די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער

האַלטן גאַנץ אָפן זײער מיליטער אין כינע (אין מעשעך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט שױן) אַרמײען, װאָס זײַנען גוט באַװאָפנט מיט קױלנ־װאַרפער און האַרמאַטן, און שיקט צו די כינעזישע ברעגן באַװאָפנטע פאַנציר־שיפן. אין דערזעלבער צײַט, קעדײ נאָך פעסטער צו האַלטן דאָס כינעזישע פאָלק באַ זיך אין די לאַפּעס, קױפן אונטער די אױסלענדישע קאַפּיטאַליסטן די באַאַמטע פון דער כינעזישער רעגירונג, אירע גובערנאַטאָרן, גענעראַלן, גיבן געװיסע פּריװילעגיעס די גרױסע כינעזישע הענדלער.

זײ אַלע צוזאַמען זײַנען אַ קראַפט, װאָס קעמפט מיט אַלע מיטלען אַנטקעגן די כינעזישע אַרבעטער און פּױערים.

---

# ער איז דאָך ניט מער װי אַ כינעזער

## 1

קײן פראַנצױזיש האָט א־טשאַ ניט פאַרשטאַנען. אַ פאַרמאַטערטער און אײַנגעהױקערטער איז ער געזעסן אין גערײכט־זאַל און גלײַכגילטיק זיך אײַנגעהערט, װי עס פּלאַפּלט אָפּ פראַנצױזיש דער קאָנסול און נאָך עפּעס אײנער אַ מענטש. זײ האָבן געפּלאַפּלט אָן אָן אױפהער, און א־טשאַ איז געזעסן און געטראַכט, װי נאַריש די־דאָזיקע פראַנצױזן זײַנען, אַז זײ האָבן נאָך ביז איצט ניט געפונען [illegible] מערדער פון טשונג־גאַ.

[illegible] פינפהונדערט קולי*) פון דער פּלאַנטאַציע האָבן געװאוסט, אַז דער מערדער איז א־סאַן, און די פראַנצױזן האָבן עס אַפילע ניט כױשעד געװען. און כאָטש די קולי האָבן זיך צונױפגערעדט צװישן זיך א־סאַנען ניט אַרױסצוגעבן, איז אָבער די לאַגע סײ־װי־סײ געװען אַזױ קלאָר, אַז נאָר די־דאָזיקע נאַרישע פראַנצױזן האָבן זיך נאָך געדאַרפט פאַרטראַכטן דערױף.

---

* קולי — א טרעגער. א שװארצארבעטער.

ווירקלעך, דידאָזיקע פּראָנצוויזן זײַנען זייער אַ נאַריש פֿאָלק.
א־טשאַ איז דאָ לאַבלוטן גאָרנישט נישט שולדיק; דעריבער האָט ער נישט וואָס מוירע צו האָבן. אין דעם מאָרד האָט ער קיין אַנטייל נישט גענומען; עמעס, ער, ווי אַלע איבעריקע, האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט פּאַסירן, און שעמער, דער עלסטער אויפזעער, האָט זיך אַריינגעריסן אין באַראַק אַריין און באַפוילן נעמען אים און נאָך אַנדערע פיר מענטשן. צו וואָס האָט מען באַדאַרפט כאַפּן אַזויפיל מענטשן? אָף טשונג־גאָס קערפּער זײַנען געווען סאַכאַקל צוויי מעסער־וואונדן, און עס איז געווען פולשטענדיק קלאָר, אַז פינף מענטשן האָבן באַ צוויי מעסער־וואונדן נישט געהאַט וואָס צו טאָן. העכסטנס האָבן עס צוויי מענטשן געקאָנט אָפּטאָן, אָבער נישט מער. אָבער דאָס, וואָס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, איז נישט קלאָר פאַר די פראַנצויזן.

א־טשאַ איז אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר. ער איז יונג, פריילעך און האָט אַ גוטן כאַראַקטער. ער איז דאַר, ווי יעדער קולי, אָבער אַ פּאָנעם האָט ער אַ פריילעכן, אַ קיילעכדיקן, ווי אַ לעוואָנע, און שטענדיק שײַנט עס באַ אים מיט אַ פריילעכן און לעבנסלוסטיקן שמייכעלע. די פראַנצויזן האָבן קיינמאָל מיט אים נישט געהאַט צו טאָן. אין קיינע קריגערייען, אין קיינע געשלעגן האָט ער קיינמאָל קיין אַנטייל נישט גענומען. פון געלט־שפּילן האָט ער נישט געוואוסט: ער האָט זיך געלאָזן צופרידנשטעלן פון קליינע פאַרגעניגנס. נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט אָף דער סאַרפּנדיקער זון אין אָפּענעם פעלד, האָט ער ליב געהאַט צו שעפּן שטילן נאַכעס פון פאַרנאַכטיקער רו און קילקייט. שוין־לאַנג האָט ער געקאָנט אָפּזיצן, קוקן אָף די בלומען, און טראַכטן בלויז וועגן די וואונדערלעכע סוידעס פון לעבן. און ער האָט נישט פאַרגעסן דעם פּאַמעלעכן טויש פון טעג, ווען ער האָט געזען אַ בלויע צאַפּליע אָפן קליינעם זאַמדבערגל, די זילבערנע זיגזאַגן פון די פליענדיקע פישעלעך און דעם זון־אונטערגאַנג, וואָס האָט אויסגעפּוצט די קליינע אײַנגעשטילטע

בוכטעלע אין קראנצן פון רויזן און פערל. אין דידאזיקע שאען האט
ער פארגעסן אן אלץ, אפילע אן שעמערס שרעקלעכער בייטש.
קארל שעמער איז געווען א ראשע פון א מענטשן. זיין געהאלט
בא די אייגנטימער פון די פלאנטאציעס האט ער באקומען ניט אומ־
זיסט! מיט זיין שרעקלעכער בייטש איז ער פעאיק געווען
ארויסצוקלאפן דעם לעצטן טראפן קויעך פון פינפהונדערט קנעכט,
מאכמעס קאלזמאן דער קאנטראקט האט זיך ניט געענדיקט, זיי־
נען די קולי געווען שרצלאזע, הילפלאזע קנעכט. אסאך ארבעט האט
שעמער געהאט... אסאך מאל איז אים אויסגעקומען צו שמייסן
מיט דער בייטש, קעדיי ארויסצוציען אלץ, וואס מען קאן ארויסציען
פינפהונדערט מאגערע, פארשוויצטע קערפערס און פארוואנד־
זייער מי אין פעק פוכיקן בוימוואל, וואס ווערט ארויסגעפירט
אי. זי ־אפע, אף די פאבריקן. און נאר אדאנק זיין אייזערנעם ווילן
און ג ילדער שלעכטס, איז אים געלונגען ארויסצובאקומען פון די
מאגערע קולי אין דריי מאל מער, ווי מען קאן ארויסציען פון א לע־
בעדיקן מענטשן. אין דערהאזיקער נידערטרעכטיקער ארבעט זיי־
נער האט אים געטריי געדינט א לאנגער בייטש פון היפאפאטאמ־
פעל. שעמער האט זיך מיט אים קיינמאל ניט געשיידט, און אפט
האט זיך דער בייטש אראפגעלאזן אף א נאקעטער פלייצע פון אן
איינגעהויקערטן מענטשן מיט אזא קנאק, וואס איז ענלעך געווען
אף א רעוואלווער־שאס. איינמאל האט ער מיטן פויסט דערהאר־
געט א קולי. דעם כינעזערס קאפ איז פון קלאפ ניט צעזעצט געווארן,
אבער עפעס האט אינעווייניק דארטן א קנאק געטאן, דער קולי איז
אוועקגעפאלן און אין א וואך ארום געשטארבן. פארשטייט זיך, אז
די כינעזער האבן אפילע ניט געטראכט צו באקלאגן זיך אף שעמערן
פאר דער פראנצויזישער אדמיניסטראציע. שעמער און די פראנ־
צויזן — דאס איז איינס און דאסזעלבע, און מע מוז לײדן. קיינעס
וועט דאך ניט איינפאלן צו באקלאגן זיך אפן סקארפיאן, וואס זיצט
באטאג פארשטעקט אין גראז און באנאכט קוג'ט ער צוקריכן אין
בײדל אריין. מען דארף פאשעט ניט צערייצן די גיפטיקע בריע. און

די כינעזער האָבן מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט ניט צו שטערן שעמערס רו און ניט אַריינברענגען אים אין קאַעס.

און אויב עס איז געשטאָרבן פון זיין האַנט איין קולי, איז ער דאָך ניט־מער, ווי אַ כינעזער. און, אַגעוו, לויט דער גוויסן־אייד פונם דאָקטער איז ער גאָר געשטאָרבן פון אַ היץ־שלאַג, כאָטש אַזעלכע פאַלן זיינען נאָך דאָ ניט פאָרגעקומען.

קאַלזמאַן דער ריכטער האָט געלייענט דעם אורטייל, איז אַ־טשאַ געזעסן רואיק און ווי ניט אים וואָלט עס אָנגעגאַנגען. די פּענימער פון זייגע כאַווירים זיינען אויך געווען ליידנשאַפטלאָז און רואיק. אַזוי רואיק זיינען זיי אויך געבליבן, ווען דער איבערזעצער האָט געמאָלדן, אַז דער געריכט האָט זיי אַלע פינף אָנערקענט פאַר שולדיק אין דערמאָרדן דעם קולי טשונג־גאַ, און אַז דעם באַשולדיקטן אַ־טשאַו וועט דער קאָפּ אָפּגעהאַקט ווערן, דער באַשולדיקטער אַ־טשאַ איז פאַרמישפּעט אויף 20 יאָר קאַטאָרגע אין ניי־קאַלעדאָניע, דער באַשולדיקטער אואַנג־לי צו צוועלף יאָר און אַ־טאַנג — צו צען יאָר.

אַלע פינף זיינען צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן אין טפיסע אַריין. דער אורטייל איז געווען איינגאַנצן אַן אומדערוואַרטער, אָבער פון די ווייסע שיידים קאָן מען דען פאָדערן לאָגישע האַנדלונגען? באַשטראָפן פאַר ניט קיין באַגאַנגענעם פאַרברעכן — דאָס איז פולשטענדיק אין גייסט פון דידאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע הארן, וועמען עמיצער האָט אָנגעטרויט דעם גורל פון די געלע קנעכט.

2

דעם זשאַנדאַרם האָט מען גערופן קרישאַ. צוואַנציק יאָר דינסט אין די קאָלאָניעס, אָנהויבנדיק פון אַפריקע און ענדיקנדיק מיט די אינזלען אין די וואַרעמע יאַמען, האָבן אויסגעאַרבעט פון אים אַ טיפּישן קאָלאָניאַלן איידאָפּייער. ווער וואָלט איצט געזאָגט אויף אים, אַז דאָס איז אַ געוועזענער דאָרפישער יאַטל פון דאָרעם־פראַנקרייך? אויפן ערשטן אָרט איז בא קרישאַנען געשטאַנען די

דיסציפלין. לויט זיין פארשטאנד האט דער סערזשאנט זיך אונ-
טערשיידט פון גאט נאר דערמיט, וואס פארן ערשטן האט מען בא-
דארפט מוירע האבן שטענדיק און פארן צווייטן — ניט שטענדיק.
אייגנטלעך האט גאט געשפילט א געוויסע ראליע נאר אין די זונ-
טיק-טעג, ווען די שטעכיקע אויגעלעך פון קיורע האבן געהיט קריו-
שא, אז ער זאל אומבאדינגט אויסשטיין אף די פיס די גאנצע טפילע.
א, דער קיורע איז אפטמאל געווען שרעקלעכער פארן סערזשאנט!

דער זשאנדארם קריושא האט באקומען א באפעל פונם הויפט-
ריכטער אפן נאמען פון טפיסע-אויפזעער: דער פארמישפעטער
א-טשאו, דארף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דעם אויבנדער-
מאנטן זשאנדארם, אונטער דעם לעצטנס כסימע. אבער עס האט
געדארפט פאסירן אזוי, אז דעם אונט פאר דעם האט דער ריכטער
און אלע באאמטע ביז אינדערפרי פארבראכט אף א באנקעט אף
א פראנצויזישער קריגס-שיף. דעריבער האט באם ריכטער גע-
ציטערט די האנט און די אויגן האבן זיך בא אים געקלעפט; ער
האט אנגעשריבן, אבער ניט דורכגעלייענט דעם באפעל, ווייל אנ-
דערש וואלט ער באמערקט, אז אנשטאט אנצושרייבן א-טשאו האט
ער אנגעשריבן א-טשא. נאר ווען ער וואלט עס אפילו באמערקט...
עס האט זיך דאך געהאנדלט סאכאקל וועגן א כינעזער!

אלזא, אין באפעל איז געשטאנען געשריבן א-טשא, און דער
טפיסע-אויפזעער האט איבערגעגעבן צו קריושא אין די הענט דעם
שמייכלענדיקן כינעזער. קריושא האט אים אנידערגעזעצט נעבן
זיך אין דער בריטשקעלע, וואס איז איינגעשפאנט געווען אין א
פאר אייזלען, און זיי האבן זיך געלאזן אין וועג.

א-טשא איז זייער שטארק צופרידן געווען דערפון, וואס ער
זעט ווידעראמאל די זון, ער איז געזעסן נעבן זשאנדארם און האט
בוכשטעבלעך געשיינט פון פרייד [illegible] זיין הארץ האט פון פרייד גע-
קלאפט, ווען ער האט דערזען, א [illegible] צו אנטימאאנא צו. נו,
פארשטייט זיך, דאס האט שעמער [illegible] מען זאל אים צוריק
אף די פלאנטאציעם אומקערן, מאכמעם שעמער ווייס, אז א-טשא

קאָן אַרבעטן. נו, געווים, ער וועט אַרבעטן און סטאַרען זיך ניט אַריינברענגען אין קאָפּ שעמערן...

דער טאָג איז אַ הייסער געווען, אַפילו די אייזלען האָבן געשוויצט. געשוויצט האָט אויך קריושאַ, געשוויצט האָט אויך אַ־טשאַ, וואָס האָט פונדעסטוועגן לייכטער פאַר אַלעמען איבערגעטראָגן די היץ; פאַר דריי יאָר אַרבעט אויף די פּלאַנטאַציעס איז ער שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו דער ברענענדיקער היץ.

אַ־טשאַ איז געווען אַזוי פריילעך און זאָרגלאָז, אַז אַפילו דער טעמפּעראַמענטער קריושאַ ה... געקוקט אויף אים מיט אַ געוויסן בידעש.

— ס'אַרא טשיקאַווער דו ביסט, — האָט ער צו אים געזאָגט.

אַ־טשאַ האָט פריילעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צעלאַכט זיך. קריושאַ האָט מיט אים גערעדט אויף אַ געמישטער שפּראַך, וועלכן עס האָבן פאַרשטאַנען אי די וויַיסע אי די כינעזער.

— דו לאַכסט צופיל, — האָט קריושאַ פאַרגעזעצט. — אין אַזאַ טאָג וואָלסטו וויינען באַדאַרפט!

— איך פריי זיך, וואָס איך בין אַרויס פון דער טפיסע.

— און גאָר? — האָט דער זשאַנדאַרם מיט די פּלייצעס געקוועטשט.

— און דאָס, וואָס איך זע ווידער די זון, איז דען ווייניק?

— וואַרט נאָר צו, הייסט עס, אַז דו פרייסט זיך דערמיט, וואָס מען וועט דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן?

אַ־טשאַ האָט פאַרבידעשט אַ קוק געטאָן אויף אים און געענטפערט:

— איך קער זיך דאָך אום צוריק אויף דער פּלאַנטאַציע, אויף דער אַרבעט. דו פירסט מיך דען ניט קיין אַטימאַאַנאַ?

קריושאַ האָט אַ צופּ געטאָן זיינע לאַנגע וואָנצן.

— אַזוי, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַ שמייכל געטאָן די אייזלען, — הייסט עס, אַז דו ווייסט ניט?

— איך ווייס ניט... וואָס? שעמער וויל ניט, אַז איך זאָל באַ אים

ארבעטן? — און אין א־טשאס געשאַמע האָט זיך אַ שרעק פאַר־ גאַנוועט.

— מאָרגן וועט ער עס געווים ניט וועלן! — קריושאַ האָט זיך פון פולן האַרצן צעלאַכט פון זיין וויץ. — די מאַיסע איז, וואָס איך צווייפל, אויב דו וועסט מאָרגן קאָנען ארבעטן! עס קאָן דאָך ניט אַרבעטן אַ מענטש מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, ווי מיינסטו?

ער האָט פריינטלעך אַ־טשאַ אין זייט אַ זעץ געטאָן. דער קולי האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— שעמער וויל מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ?

קריושאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן.

— דאָס איז אַ טאָעס, — האָט א־טשאַ ערנסט אַ זאָג געטאָן, — איך בין ניט יענער קולי, וועמען די ווייסע האָבן געהייסן דעם קאָפּ אָפּהאַקן. יענער הייסט אַ־טשאָו, און איך בין א־טשאַ. דער געער־ טער ריכטער האָט מיך פאַרמישפּעט צו צוואַנציק יאָר קאַטאָרזשנע אַרבעט אין נײַ־קאַלעדאָניע.

קריושאַ האָט זיך צעלאַכט. דערדאָזיקער קאָמישער כינעזערל וויל באַשווינדלען די מאַדאַם גיליאָטינע *). אָט דאָס איז אַ וויץ!

די אײַזלען האָבן אָפּגעשלעפּט די ברעטשקעלע באַ אַ האַלבן מייל וועג באַ דעם ברעג פון דעם הימל־בלויען יאַם, איידער א־טשאַ האָט ווידער אַ וואָרט פון מויל אַרויסגעלאָזט.

— איך זאָג דיר, אַז איך בין ניט יענער, ניט א־טשאָו. דער גע־ ערטער ריכטער האָט ניט באַשטימט, אַז מען זאָל מיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן.

— האָב קיין מוירע ניט, — ז אים קריושאַ גוטמוטיק באַ־ רואיקט. ס׳איז ניטאָ קיין לייכטע... זך, ווי אָף דער גיליאָטינע צו שטאַרבן. דאָס ווערט געמאַכט זייער שנעל; אָט אַזוי: טשיק — און פאַרטיק! דאָס איז דיר ניט באַמלען זיך אָף דער שטריק, פלאָנטערן מיט די פיס און קרימען די צורע גאַנצע פינף מינוט. דו האָסט גע־

* גיליאָטינע — א מאשין אָף אָפּצוהאקן קעפּ בא פאַרמישפּעטע צום טויט.

זען ווי מען האַקט אָראָפּ מיט אַ האַק דעם קאָפּ בײַ אַ הון? מיט איין האַק פליט אַראָפּ די קאָפּ, און ס'איז פאַרטיק. פּונקט אַזוי אַרבעט די גיליאָטינע. טשיק — און פאַרטיק!

און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט פון זײַן וויץ. געלאַכט האָט ער אַ טראָפּעלע מער איידער מע האָט עס באַדאַרפט אויף צו דער-מוטיקן דעם פאַרומערטן קולי.

— אָבער איך זאָג דאָך דיר, אַז איך בין ניט אַ-טשאַו, — האָט יענער אַלץ זײַנס געטאַיִנעט. — איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן.

נו, דער וויץ האָט שוין געדויערט אַ טראָפּעלע צו לאַנג, און קרױשאַ האָט זיך נגעהויבן בייזערן.

— געגוג צו פּ.אַפּלען, — האָט אים דער זשאַנדאַרם איבער-געריסן.

ער האָט זיך אָנגעבלאָזן און איז רויט געוואָרן.

— אָבער איך זאָג דאָך דיר, — האָט אַ-טשאַ ווידער פאַר-געזעצט.

— שווייג, — האָט דער זשאַנדאַרם אַ בריל געטאָן.

אַ שטיק וועג האָבן זיי געשוויגן. ווען זיי האָבן דורכגעמאַכט האַלב וועג, האָט אַ-טשאַ באַשלאָסן ווידעראַמאָל אַ רעד טאָן.

— איך געדענק, אַז דו ביזט געווען אויפן געריכט, ווען מען האָט אונזער איניען פאַנאַנדערגעקליבן, — האָט ער געזאָגט. — עמעס? געדענקסטו אַ-טשאַו, וועמען מען דאַרף דעם קאָפּ אָפּהאַקן? ער איז פון הויכן וואוקס. עמעס? איצט גיב נאָר אַ קוק אויף מיר!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און קרױשאַ האָט דערזען, אַז זײַן מיטרייזנדער איז פון נידעריקן וואוקס. און אין דערזעלבער רעגע האָט זיך קרױשאַ דערמאָנט און דערזען פאַר זיך דעם געריכט-זאַל און דעם פאַרמישפּעטן צום טויט אַ-טשאַו. יאָ, אַ-טשאַו איז געווען פון הויכן וואוקס. ביכלאַל זײַנען אַלע כינעזער געווען פאַרן זשאַנ-דאַרם איינע און דיזעלבע, אַלע האָבן זיי געהאַט בײַ אים איין פּאָ-נים, אָבער אַ נידעריקן פון אַ הויכן האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט

אונטערשיידן, און ער האט פארשטאנען, אז נעבן אים זיצט איצט ווירקלעך ניט דער קולי, וועמען ער וואלט באדארפט נעבן זיך האבן לויטן געריכט-אורטייל. ער האט אזא רים געטאן מיט די לייצעס, אז די אייזלען זיינען שיר ניט דערשטיקט געווארן.

— נו, איצט זעסטו שוין, דא איז א קלארער טאעס, — האט א-טשא געזאגט און ליבלעך זיך צעשמייכלט.

קריושא האט זיך פארטראכט. ער האט ניט געוואוסט בא וועל-כע באדינגונגען דער ריכטער האט זיין באפעל געשריבן, און האט די מאיסע ניט פארשטאנען. אבער די טעמפע דיסציפלין האט אים אונטערגעזאגט, אז קוים האט מען אים איבערגעגעבן אפצופירן דעמדאזיקן כינעזער קיין אטימאאנא, דארף ער אים צושטעלן אהין, ווער ער זאל ניט זיין. און אויב אפילע מען וועט אים אלפי-טאעס אראפנעמען דעם קאפ, איז מיילע, עס איז דאך ניט מער ווי א כי-נעזער. און ווידעראמאל, קאן זיין, אז עס איז גאר קיין טאעס ניט...

ווי אזוי קאן וויסן קריושא, וואס די נאטשאלסטווע טראכט? ער האט זיך שוין איינמאל געפרואווט פאריכטן א טאעס פון דער נאטשאלסטווע, האט ער אנשטאט אדאנק באקומען אן אויסרייד פונם סערזשאנט:

„דו ביסט א נאר, קריושא, און וואס גיכער דו וועסט שלעם מאכן מיט דעמדאזיקן געדאנק, אלץ בעסער וועט זיין פאר דיר. דו האסט ניט וואס צו טראכטן, דידאזיקע ארבעט לאז איבער פאר נאטשאלסטווע, דו דארפסט טאן דאס, וואס מען באפעלט דיר".

ער איז אויפגעציטערט געווארן, ווען ער האט זיך עס דערמאנט. אויב ער זאל זיך איצט אומקערן צוריק, וואלט ער דערמיט נאר פארהאלטן דאס אויספירן דעם טויט-אורטייל, און וואלט געכאפט א גאב פונם סערזשאנט.

די גיליאטינע האט אויסגעבויט שטעקער אליין. כאטש ער האט קיינמאל קיין גיליאטינע אין זיינע אויגן ניט געזען, אבער די פראנ-צויזישע באאמטע האבן אים געגעבן צו פארשטיין, וואס און ווי

אזוי מע דאַרף מאַכן, און ער האָט זי אויסגעבויט. ער האָט אויך אויסגעקליבן דאָס אָרט, וואו עס האָט באַדאַרפט אויסגעפירט ווערן דער טויט־אורטייל.

און אָט איצט איז ער געשטאַנען אַפּן בריקל און באַקוקט זיין מאַשין. אונטערן מעסער פון דער גיליאָטינע איז געלעגן אַ באַנאַנע־קלעצל די גרעב פון אַ מענטשלעכער האַלז.

— נו, ווי אַרבעט אייער מאַשינדל? — האָט דער סערזשאַנט אַ פרעג געטאָן.

— אויסגעצייכנט, — דערלויבט באַווייזן!

ווען יענער איז געווען פאַרנומען מיט צופּעסטיקן אַ שטיק אייזן צום טעמפּן זייט פון מעסער, האָט אַ־טשאָ באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט, און ער האָט זיך געווענדט צום סערזשאַנט.

— דער געערטער ריכטער האָט געזאָגט, אַז אַ־טשאָון וועט מען דעם קאָפּ אַראָפּהאַקן... — האָט ער אָנגעהויבן.

דער סערזשאַנט האָט קימאַט ניט געהערט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אים וועט באַלד אויסקומען דורכצומאַכן רייטנדיק פופצן מייל צום מאַירעוו־ברעג, וואו אַף אים וואַרט די שיינינקע בערטע, די טאָכטער פון דעם פּערל־הענדלער לאַפּיער.

— איז איך בין ניט אַ־טשאָו, נאָר אַ־טשאָ. דער הער שעף פון דער טפּיסע האָט זיך טויע געווען. אַ־טשאָו איז פון הויכן וואוקס, און איך בין פון נידעריקן.

דער סערזשאַנט האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז עס איז פאַרגעקומען אַ טעות.

— שעמער, — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — קומט אַהער!

דער דייטש האָט עפּעס אַ ברום געטאָן, אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרפּעסטיקט דעם אייזן, האָט ער זיך צו זיי אומגעדרייט.

— נו, אייער כיטרעזער איז פאַרטיק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— גיט נאָר אַ קוק אַף אים, — האָט דער סערזשאַנט געזאָגט.— דאָס איז יענער־בינעזער?

שעמער האָט אַ קוק געטאָן און מיעס זיך אויסגעזידלט. ער האָט געקוקט אַף דער מאַשין, וואָס ער האָט אַליין אויסגעבויט און געוואָלט וואָס גיכער זי אויספּרובירן, און געזידלט זיך, וואָס די פּראָבע ווערט אָפּגעלייגט.

— ווייסט איר וואָס, — האָט ער סאַפּקאָלסאָף אַ זאָג געטאָן,— דידאָזיקע געשיכטע קאָן בעשום־אופן ניט אָפּגעלייגט ווערן. עס איז שוין אַזוי אויך געגאַנגען לעאיבעד דריי שאָ אַרבעט פון פינף־הונדערט בינעזער. איך קאָן ניט לאָזן פאַרלאָרן גיין נאָכאַמאָל אַזוי־פיל ביז מען וועט ברענגען צופירן דעם עמעסן פאַרברעכער. מען דאַרף ענדיקן דעמדאָזיקן ספּעקטאַקל. דאָס איז דאָך ניט מער, ווי אַ בינעזער, קיין טראַפן ניט מער!

דער סערזשאַנט האָט געוואָלט דערווידערן, אָבער ער האָט זיך אָן בערטען דערמאַנט און פאַרטראַכט.

— אויב די געשיכטע וועט אויפגעדעקט ווערן, וועלן מיר די שולד אַף קריושאַ אַרויפוואַרפן, — האָט שעמער איינגעטאַינעט.— און ווער דאַרף עס דערפון וויסן? — אַ־טשאַ וועט דאָך אונז ניט מאַסערן.

— קריושאַ איז דאָ מיט גאָרניט ניט שולדיק. מיסטאָמע האָט זיך דער־טפּיסע־שעף טויע געווען.

— נו, וועלן מיר אָנהויבן. מיר זיינען דאָ מיט גאָרניט ניט שולדיק. ווער וועט אויסער מיר אונטערשיידן פון איין בינעזער ביזן צווייטן? מיר האָבן נאָר אָפּגעטאָן די אַרבעט, וואָס מען האָט אונז געהייסן, און געטאָן האָבן מיר עס איבער יענעם בינעזער, וואָס מען האָט צו אונז געבראַכט צופירן. איך קאָן דאָך ניט פאַרהאַלטן צוליב דעם דעם גאַנצן ערעוו־ראַוו מיינעם?

זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש, אָבער אַ־טשאַ האָט געוואוסט, אַז עס ווערט איצט אָנטשיידן זיין גורל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז

אַלץ תענגט אָפּ פֿונם סערזשאַנט און איינגעביסן זיך אין אים מיט די אויגן.

דער סערזשאַנט האָט מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן.

— מיילע, הויבט אָן! עס איז דאָך ניט מער, ווי אַ כינעזער!

— גוט! איך וועל נאָר נאָכאַמאָל אויספּראָבירן די מאַשין.

און שעמער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומפּאָרען בײַ דער מאַשין.

שעמער האָט אַ צי געטאָן פֿאַר דער שטריקל. דער מעסער האָט ריין און שאַרף איבערגעשניטן דאָס קלעצל.

— אויסגעצייכנט, — האָט דער סערזשאַנט געזאָגט, און פֿאַרריכערט אַ פּאַפּיראָס.

שעמער איז צופֿרידן געווען פֿון דעם סערזשאַנטס גוטער מיינונג וועגן זיין מאַשין.

— קום אַהער, אַ־טשאָו, — האָט ער אָף טאַאיטיאַניש געזאָגט.

— איך בין ניט אַ־טשאָו, איך בין אַ־טשאַ...

— האַלט ס'מויל, — האָט זיך. שעמער צעגוואַלדעוועט. — און אויב דו וואַגסט צו זאָגן כאָטש נאָך איין וואָרט, וועל איך דיר דעם קאָפּ צעשמעטערן!

ער האָט אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן פֿויסט, און דער קולי איז שטיל געבליבן.

ער האָט רואיק און שטיל געלאָזט זיך צובינדן צו דער ברעט און האָט ניט באַקלאָגט זיך, ווען די אייזערנע ספּראַנטשקעס פֿון די רימענס האָבן דורך שעמערס הענט בוכשטעבלעך אין לייב אים זיך איינגעגעסן... סיי ווי ווער דערדאָזיקער ווייטיק לאַנג ניט געדויערן... דערנאָך האָט מען דאָס ברעטל אומגעדרייט און אָנגעבויגן צו דער ערד. ער האָט פֿאַרמאַכט זיינע אויגן און דערזען דעם בלומען גערטנדל פֿון זיינע פֿרימאָרגנדיקע מאַכשאַוועסן. גלעקעלעך האָבן מיט זילבערנע קעלכעלעך זיך צעקלינגלט אונטער אַ לייכטן ווינט. פֿייגעלעך האָבן שטיל געצווישטשערט, און פֿון הינטער דער הויכער וואַנט האָט זיך געטראָגן אַהער אַ צוגעשטיקטער גערויש פֿונם דאָרפֿישן לעבן.

די ברעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַ־טשאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער ליגט אַף דער פּלייצע. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן. גלייך איבער אים איז געהאנגען אַ מעסער, וואָס האָט בלענדנד געשיינט אַף דער זון. אַפּן מעסער האָט זיך ארויסגעוואלגערט אַ מאַסע, און אַ־טשאַ האָט דערזען, אַז איין קנופּ האָט זיך צעקניפּט. דערנאָך האָט דער מערזשאַנט עפּעס אַ געשריי געטאָן. אַ־טשאַ האָט גע־שווינד די אויגן פאַרמאַכט. ער האָט ניט געוואָלט זען העם שאַרף פון מעסער. אָבער אַף איין קורצע רעגע האָט ער אים דערפילט. אַך, דידאָזיקע ווייסע שיידים!.. מער האָט ער גאָרניט ניט געפילט...

**דזשעק לאָנדאָן.**

## פראַגן:

1. ווּיפל אייגוואוינער איז דאָ אין כינע?
2. מיט וואָס פאַרנעמט זיך הויפּטזאַכלעך די באַפעלקערונג אין כינע?
3. ווי גרויס זיינען מערסטנטייל די פעלדער בא די כינעזישע פויערים?
4. וואָס זייט דער כינעזישער פויער אַף זיין פעלד?
5. ווי גיבן אַכטונג די כינעזישע פויערים אַף זייערע פעלדער?
6. וועמען געהערן אין כינע די פאַבריקן און זאַוואָדן?
7. פאַרוואָס לוינט די אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן צו בויען זאַוואָדן און פאַבריקן אין כינע?
8. ווי אַזוי האָבן די ווייסע פאַרכאַפּט די מאַכט אין כינע?

## אויפגאַבן:

1. געפינט אַף דער גרויסער לאַנד־קאַרטע פון כינע די שטעט קאַנטאָן, אוכאַן, שאַנכאַי, נאַנקין, פעקין.

2. לייענט דורך נ. חמיטריעווס ביכל „טיי“ (אַף רוסיש) און גיט אַ קוק אַף דער מאַפּע מיט וועלכע וועגן קומט דער טיי פון כינע צו אונז.

# 7. דער קאַמף פאַר פרייהייט אין די קאָלאָניעס

## וואו קומט עס פאַר?

אָט איז אַ ברעג טייך. דער טייך איז באַדעקט מיט הונדערטער שיפלעך; אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר זיינען דידאַזיקע שיפלעך פאַרנומען דערמיט, וואָס זיי פירן איבער פאַרשיידענע מאַסאַעס פון איין ברעג אַפן צווייטן, אָדער פון די דאַמפּערס אַפן ברעג. אָבער היינט זיינען אַרויסגעוואָרפן אַף אַלע שיפלעך רויטע פענדלעך מיט אויפשריפטן אַף זיי.

עס גייען פאַרביי אַרבעטער־פּראָצעסיעס. הונדערטער, הונדערטער פאָנען. אַף יעדער פאָן דער נאָמען פון דעם אַרבעטער־פאַריין. פאַרויס יעדער גרופּע טראָגט מען אַף קאַראַמיסלעס אַ שווערן פויק. דער פויקער קלאַפּט אין פויק מיט אַלע קויכעס.

— או־או, אוהואו־הו, או־הו־הו...

עס קוויטשען די פייפלעך, עס קלינגען די טאַצן. אונטער די פּיס ווערט פייערווערק אויפגעריסן. און אָט זיינען די שרעקלעכע „לייבן־קעפּ", וואָס מאַכן פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע האַוואַיעס, אויפמאַכנדיק די ריזיקע אויגן און מיילער. דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיטן געפילדער פון די דעמאָנסטראַנטן און מיטן קנאַק פון די פולווער־קלאַפּערלעך.

יעדער דעמאָנסטראַנט טראָגט אין די הענט אַ רויטע פּאַפּירענע פענדעלע.

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך"!

„זאָל לעבן דער 8־שאָעדיקער אַרבעטס־טאָג!"

„זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!"

א וואונדערבאר בילד. אלע גאסן זיינען פארפלייצט מיט ארבעטער, טויזנטער פאנען און פענדלעך אין די הענט. די דעמאנסטראציע איז ענלעך אף עפעס א רויטער לאווינע.

מוזיק, פויקן, פולווער־קלאפערלעך, אויסטערלישע געשטאלטן. אט גייט דער פאריין פון די מאטראסן. פארויס באוועגט זיך פאמעלעך א וואונדערלעכער און קונציק געמאכטער דאמפער פון, א ריזיקער גרויס. ער באוועגט זיך מיט דער הילף פון עטלעכע אוטאמאבילן, וואס זיינען באהאלטן אינם אינגעווייט פונם דאמפער. דער דאמפער איז אויסגעפוצט אין פאנען און פענדלעך.

פון אלע עקן שטאט ציען זיך מיט זייערע מוזיק־ארקעסטרן די שילער פון די נידעריקערע און מיטעלע שולן.

און אט גייט שלאנק פארביי די קאמוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציע.

„זאל לעבן דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל!"

„זאל לעבן דאס סאוועטישע רוסלאנד!" — וויינט זיך אף די פאנען.

מיר גייען אין פארק צום זאמל־פונקט פון דער דעמאנסטראציע. מיטגלידער פון דעם קאמוניסטישן פארבאנד טיילן פאנאנדער אויפרופן און פלוג־בלעטלעך. אייניקע פארקויפן קאמוניסטישע ליטעראטור.

עס עפנט זיך דער מיטינג. הייסע רעדעס. עס טרעטן ארויס פארשטייער פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פון דעם קאמיוג. עס טרעט ארויס אן ארבעטער. זיין רעדע איז די סאמע הייסטע, די סאמע פייערדיקסטע.

— מיר שווערן, אז אלע ווי אייגער וועלן מיר קעמפן קעגן דער בורזשואזיע פאר די אינטערעסן פונם ארבעטער־קלאס...

ער נעמט אריין זיין צייג־פינגער אין מויל און בייסט אים מיט א ברענענדיקער לײדנשאפט.

עס לויפן אדורך עטלעכע שווערע רעגעס. ער קאן ניט בייקומען זיין פינגער, אף זיין פאנים שוועבט אדורך אן אויסדרוק פון א גרויסן

זויטיק. עס וועדט אינגאנצן שטיל. עס האט א שפריץ געטאן בלוט פון פינגער. מיט היץ כאפט דער ארבעטער א ווייסן שטיקל לייוונט און מיט זיין אייגן בלוט שרייבט ער דארטן אן די ווערטער:

„מיר שווערן, אז מיר וועלן קעמפן".

וואו קומט עס פאר? וואו פראוועט מען דאס אזוי דעם טאג פון דעם ערשטן מאי?

עפעס איז עס ענלעך אף אן אונזעריקן ערשטן-מאי, און עפעס איז עס ניט אינגאנצן אזוי. דערדיקע פויקן, פייערווערק, וואס שפריצט פון אויבן און פון אונטן, „שרעקלעכע לייבן", א יאם פא־פירענע פענדלעך און דערדאזיקער ארבעטער, וואס בייסט זיך איין ביז בלוט זיין פינגער, קעדיי אנצושרייבן א שוואוע פון אנ־דאכטאנעמדיקן קאמף קעגן דער בורזשואזיע. ניין, דאס איז ניט בא אונז. וואו זשע איז עס? דאס קומט פאר אין כינע, אין דער שטאט קאנטאן. דאס קלייבט צונויף זייערע קויכעס דאס פארפייניק־טע כינעזישע ארבעטער־פאלק אף צו קעמפן קעגן זיינע פייני־קער — די קאפיטאליסטן פון אלע לענדער — פאר א בעסער און שענער לעבן.

און ניט נאר אין כינע הויבט זיך אויף אזא קאמף. דערדאזיקער קאמף גייט אן אין דער גאנצער וועלט, די „קאלירטע" פעלקער ווילן מער ניט זיין קיין קנעכט.

## די אויפשטאנדן אין די קאלאניאלע לענדער

דער קאמף אין די קאלאניעס קעגן די „ווייסע", קעגן דעם פרעמדלענדישן יאך הויבט זיך אויף אומעטום. אבער דערווייל איז עס נאך א קאמף פון ניט קיין גלייכע קויכעס. די קאפיטאליסטן פארמאגן הארמאטן, פאנצער־שיפן, עראפלאנען, און אויסדרעסיר־טע ארמייען אף צו האלטן אין קלעם די קאלירטע קנעכט, און די אפ־געשטאנענע פעלקער אין אפריקע קאנען אפילו ניט ווי עס באדארף צו זיין באגיין זיך מיט א ביקס, די פויערים פון אינדיע און כינע זיינען בעוואוינט געווארן צו האלטן אין זייערע הענט בלויז גראב־

אייזנס. און פונדעסטוועגן: קאפיטאליסטן און באאמטע זיינען דא א וועלכע טויזנטער, און קאלאניאלע קנעכט — מיליאנען. בלויז מיט דער צאל זייערער וואלטן זיי דאך געקאנט פארניכטן זייערע אונטערדריקער. אבער דאס זיינען זיי נאך אויך ניט אומשטאנד איצט צו טאן. פארוואס? ווייל זיי זיינען צעשפליטערט, קאנען נאך ניט ארויסטרעטן געמיינזאם, און דער סוינע איז גוט ארגאניזירט, ארבעט פלינק, לויט א באשטימטן פלאן.

אינטערעסאנט. לאמיר נעמען די נעגערישע דערפעלער, וואס זיינען צעווארפן אין די טראפישע וועלדער אין אפריקע. ווען אייך דערפל זייערער גייט ארויס אין אן אויפשטאנד, ווייסן ניט די איבעריקע דערפעלעך דערפון, האלטן ניט אונטער די אויפשטענדלער. און עס איז בענוג א צענדליק גוט באוואפנטע סאלדאטן, אף צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד פון הונדערטער חאלב-נאקעטע מענטשן. לאמיר זיך דערמאנען, ווי מעאום האט זיך סקראוועט אין קאנגא מיט די נעגערס, וואס האבן זיך אפגעזאגט צו גיין זאמלען קאוטשוק. און קיינער איז צו הילף ניט געקומען די שטרייקער, קיינער איז ניט אויפגעשטאנען צו פארטיידיקן זייערע מישפאכעס.

אין אינדיע, אין כינע, וואו דער גרעסטער טייל באפעלקערונג איז דער פויערטום, וואס איז פארנומען אף ארבעט, יעדערער אף זיין פיצל פעלד, לעבן אויך די מענטשן צעשפליטערט, האבן זיך אויך קיינמאל ניט צונויפגערעדט צווישן זיך, וואס אזוינס דארפן זיי זיך דערשלאגן, ווי אזוי דארפן זיי טאן, אז זיי זאלן זיך קאנען עפעס דערשלאגן. דאס נוצן אויס די באלעבאטים פון דער ערד. אויב עס הויבט זיך אן אן אומצופרידנקייט, איז איינע שטילן זיי איין מיט דער ביטש און מיט דער ביקס, די אנדערע גיבן זיי נאך אין קלייניקייטן און אף אזא אויפן פירן זיי אויס וואס זיי ווילן.

מען דארף געדענקען נאך א זאך: די קאלאניאלע פעלקער זיינען קימאט אלע ביז איינעם ניט געבילדעט. מיר ווייסן שוין, אז אין אינדיע איז אפילע צווישן די ארבעטער אף יעדע הונדערט מאן פאראן נאר 5—6 שרייבקענעוודיקע. אומגעפער אזוי איז אויך די

לאַגע אין כינע. די אַפריקאַנישע נעגערס האָבן אַפילע נים קיין אַלעפבייז. אַסאַך קאָלאָניאַלע פעלקער פון דעם פריערדיקן צאַרישן רוסלאַנד האָבן אויך נים געהאַט קיין אייגענעם אַלעפבייז. אַזוי, אַז אַפילע לערנען זיך שרייבן קאָנען אויך נים דידאָזיקע פעלקער. אין דערזעלבער צייט קאָנען די אונטערדריקער זיך באַנוצן נים נאָר



פויערים—אויסשטענדלער אין אינדיע

מיטן אָנגעשריבענעם און אָפּגעדרוקטן וואָרט, נאָר אויך מיטן טע-לעפאָן, טעלעגראַף, ראַדיאָ.

אַזאַ דעמדאָזיקן ריזיקן בילעק, וואָס איז פאַראַן צווישן די אונטערדריקער און אונטערדריקטע, האַלט אַ נישטיקע מינדער-הייט אין קנעכטשאַפט הונדערטער מיליאָנען מענטשן פון פאַר-שיידענע פעלקער.

אבער נים געקוקם אף דעם, פּרוּאוון זיך דאָך די „קאָלירטע" קעמפן. באַזונדער שטאַרק איז די פריַיהייט־באַוועגונג אין די קאָלאָניעס אויסגעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן. קימאַט אומאויפהערלעך גייען איינע נאָך די אַנדערע פויערשע אויפשטאַנדן אין אינדיע. הויבן זיך אויף גאַנצע שוואַרצע שוואַטים קעגן די באַצווינגער אין צאָפן־אַפריקע (לעמאַשל, די מילכאָמע פון די ריפן קעגן די פראַנצויזן אין אַלזשיר), עס טרעטן אַרויין קימאַט אין אַ האַנט־שלאַכט מיט די אונטערדריקער די נעגערס אין קאָנגאָ. דידאַזיקע פּרואוון אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך ווערן דערשטיקט דורך די „וויַיסע" מיט אַן אויסערסט שרעקלעכער רישעס. די אויפשטענדער צעשיסט מען, הענגט מען, מען פּייניקט זיי אַן אַ ברעג. יעדעס מאָל נאָך אַ וועלכן עס איז אויפשטאַנד, הויבן זיך אָן די קולטורעלע אייראָפּייער צו באַנעמען מיט די אָרטגעבירטיקע נאָך מער רישעסדיק, שטרעבן צו דערנידעריקן זיי נאָך מער. אַזוי, לעמאַשל, ווען אין איינע פון די אינדיאַנישע פראָווינצן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד, האָט דער ענגלישער גענעראַל דייער ניט נאָר צעשאָסן טויזנטער מענטשן, נאָר ער האָט אויך פאַראָרדנט, אַז יעדער אָרטגעבירטיקער, וואָס וועט וועלן זיך דורכגיין איבער די גאַסן פונם אייראָפּייאישן קוואַרטאַל, זאָל פויזן אַפן בויך אונטער דער אויפזיכט פון צוויי פּאָליציאַנטן. ווי נאָר עס באַוויַיזן זיך ערגעץ־וואו סימאָנים פון אומצופרידנקייט, ווערן גלייך אַהין געשיקט באַוואָפנטע קויכעס.

## ווער איז געפערלעכער ווי אַלץ פאַר די קאַפּיטאַליסטן

פאַראַן אָבער איַיניקע עדטער, וואו די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן שוין אָנגעהויבן כאַפּן מאַפּאָלעס. וואו איז עס? אין די גרויסע שטעט, דאָרט וואו עס געפינען זיך אַסאַך אַרבעטער.

די אַרבעטער, וואָס זיַינען צונויפגעזאַמלט אין גרויסע מאַסן אין די שטעט, און אַרבעטן אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן ווערן אַ שטאַרקע קראַפט קעגן די קאַפּיטאַליסטן. אין די שטעט לערנען זיי זיך אויס

לייענען און שרייבן, הויבן אן לייענען צייטונגען און פון דארט דער־
זויסן זיי זיך, ווי אזוי אין אנדערע לענדער קעמפן די ארבעטער פאר
א בעסערן לעבן. סיי אין אינדיע, סיי אין כינע האבן די ארבעטער
זייערע פראפעסיאנעלע פאריינען, וואס פירן א קאמף פאר פאר־
קלענערן דעם ארבעטס־טאג, פאר העכערן דעם ארבעטלוין. אין



דער אויסלענדישער קווארטאל אין שאנכאי איז אפגעצאמט פון כינעזישן טייל שטאט
מיט באריקאדעס

אינדיע און אין כינע פאראייניקן זיך די ארבעטער אין פארטייען אף
צו פירן א קאמף קעגן די אונטערדריקער, אף צונויפצורײדן זיך, ווי
אזוי צו פירן דעמדאזיקן קאמף מיט געמיינזאמע קויכעס. סיי אין
אינדיע, סיי אין כינע איז שוין דא א קאמוניסטישע פארטיי. אונ־
טער איר אנפירונג הויבן אן די ארבעטער אויסצופרואוון זייערע
קויכעס.

ס׳איז באַקאַנט דער שטרייק אין שאַנכאַי, וואָס איז פאָרגעקו־
מען אין 1925 יאָר, און האָט געדויערט עטלעכע כאַדאָשים. דערדאָ־
זיקער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ פּראָטעסט־שטרייק קעגן
דעם, וואָס אַף די טעקסטיל־פאַבריקן שלאָגן די אויסלענדישע אויפ־



א פארוואונדעטער פון אן אויפרייס־קויל בעאייסן שאנכאיער שטרייק

זעער די אַרבעטערנס. די אַרבעטער זיינען אַרויס אַף די גאַסן, געפאָ־
דערט אָפּשאַפן די לייב־שטראָף אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן, פאַר־
בעסערן די לאַגע פון די אַרבעטערנס און קינדער. די ענגלישע פּאָ־
ליציי האָט אָן אַ וואָרנונג געשאָסן אין די וואָפנלאָזע דעמאָנ־

סטראַנטן, דערביי האָבן די פּאָליציאַנטן נאָכגעשאָסן מיט אויפריים־קוילן אַפילו נאָך די אַנטלויפנדיקע מענטשן. דער רעזולטאַט איז געווען אסאך געהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן צאָרן־אויפריים פון דער גאַנצער שאַנכאַיער באַפעלקערונג. צו די פאַרשטרייקטע טעקסטיל־אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניקט די אַרבעטער פון דער עלעקטרישער סטאַנציע, די



די אַרבעטער־גוואַרדיע אין קאַנטאָן

טרעגער, בעקער. דער צאָרן האָט אַרומגעכאַפּט ניט נאָר די אַרבעטער: סטודענטן, קליין־הענדלער, די כינעזישע דינערשאַפט פון די אויסלענדער און אויסלענדישע האָטעלן זיינען אויך אַרויס אַפן גאַס און האָבן געפאָדערט אַ שטראָף פאַר די אַרבעטער־מערדער, געפאָדערט, אַז די אויסלענדער זאָלן אויפהערן זיך אײַנמישן איבערן כינעזישן פאָלק. די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט אויך אַנדערע שטעט. די אויסלענדער האָבן פאַרקאָכט אַ גאַנצע מלחמה און

צעשאַסן די דעמאַנסטראַציעס פון די אַרבעטער און לערן־יוגנט. אַסאַך אַרבעטער זיינען דעמאָלט אומגעקומען פון די ענגלישע קוילן, אַסאַך אַרבעטער און סטודענטן זיינען געטויט געוואָרן אָף די פּלע־



א קוילנווארפער פון אן ארבעטער־מאכנע אין שאנכאי

צער און אין די טפיסע־הויפן. די „ווייסע" זיינען קלוימערשט אויך דאַסמאָל געבליבן די זיגער. אָבער די אַרבעטער האָבן זיך אויך עפּעס

אויסגעלערנט אין דידאַזיקע קאַמעס־כּאַראָשים. זיי האָבן זיך איבער־צייגט, אַז מיט הוילע פּראַטעסטן קאָן מען זיך צו גאָרניט ניט דער־שלאָגן.

אין די גרויסע כינעזישע אינדוסטריעלע שטעט האָבן זיך אָנגע־הויבן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אַרבעטער־אָטריאַדן, אין די דערפער האָבן די פּויערים אָנגעהויבן מאַכן אויפשטאַנדן קעגן די גווירים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע ערד צו זיך אין די הענט.

אין דאָרעם־כינע איז די באַוועגונג קעגן די אייראָפּייאישע און כי־נעזישע קאַפּיטאַליסטן באַזונדער שטאַרק. אַהין האָבן דאָס טאַקע ענג־לאַנד און אַמעריקע אָנגעשיקט זייערע פּאַנצער־שיפן, טאַנקעס און עראָפּלאַנען. ווען אין פרילינג פון 1927 יאָר האָבן די אַרבעטער אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אין דער שטאָט נאַנקין, איז די שטאָט באַשאָסן געוואָרן פון די ענגלישע מיליטער־שיפן מיט אונטערציטערנדי־קע קאַנאָנען. הונדערטער מענטשן זיינען אומגעקומען פון דערדאָ־זיקער קאַנאָנאַדע, עס איז כּאָרעוו געוואָרן און פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסע שטאָט.

אָבער בעאָיים די ווייסע אונטערדריקער פאַרפאָלגן די כינעזישע אַרבעטער האָבן זיך די כינעזישע קאַפּיטאַליסטן און קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערן גענומען שרעקלעך פאַרפאָלגן די קאָמוניסטן און קאָמ־יוגיסטן. מען נעמט זיי אַרונטער די קעפּ אויף די שטאָט־פּלעצער, מען שטיקט זיי אין די טפיסעס, מען צעשיסט זיי פּאַשעט אין די גאַסן.

אָבער דידאָזיקע שוידערלעכע פאַרפאָלגונגען קאָנען ניט אונ־טערברעכן דעם וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין כינע. צום סאַך פון 1927 יאָר האָט בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין כינע געציילט 50.000 מיטגלידער, ניט ווייניקער מיטגלידער האָט אויך דער קאָמיוג. עס זיינען פאַרבליבן גאַנצע מיליטער־טיילן, וואָס געפינען זיך אונטער דער קאָמוניסטישער אָנפירונג, עס וואַקסט אַלץ טיפער און ברייטער די פּויערשע באַוועגונג.

אין גאַנץ כינע זידט און קאָכט אַ פאַרביסענער בירגער־קריג. די „ווייסע" הערשער פילן זיך אַרומגערינגלט מיט אַן אָפענער סינע.

אבער פאַראַן אויך אַנדערע „ווייסע", — אַף וועלכע די אַרבע־טער און פויערים פון כינע קוקן מיט ליבע און האָפענונג. דיזאַזיקע „ווייסע" זיינען די בירגער פון דעם ערשטן אין דער וועלט פאַר־באַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

פאַרוואָס זשע באַציען זיך אַזוי צו אונז די אַרבעטנדיקע פון כינע, פאַרוואָס טיילן זיי אונז אוים פון אַלע איבעריקע ווייסע?

---

# באַם ראַנד פון כינע

## סייגאַן *)

באַ די ברעגעס פון טייך סייגאַן
זינגען קלויסטערשע גלעקער אַ פרומען געזאַנג.
בלאַנקען זעגלען, געדיכט ווי אַ וואַלד,
בלינדע, צעפליקטע פון שטורעם און ווינט,
און ס׳פאַרגייט זיך אַ וואָיען פון הימלאַזע הינט.

באַ די ברעגעס פון טייך סייגאַן
שרייען קינדערשע בייכלעך, געשוואָלן פון הונגער און נויט.
שטייען שפּייכלער, פאַרפולטע פון דיל ביזן סטעליע מיט ברויט —
קומען שמאַלענע שיפן פון ווייט און פון פרעמד,
פאַרנעמען די שעפע פון טויזנטער הענט.

אַף דעם אויבערפלאַך פון טייך סייגאַן
שווימט דער טויט מיטן פּאָנים אַראָפּ,
און עס טראָגט זיך אַ קר־רר־רא־א אין דער הויך,
צירקלען פויגל מיט דערשטיקטער פרייד:

---

*) סייגאַן — אַ נאָמען פון אַ טייך.



474—8*

— טויט האָט אונז מאַלצייט געגרייט!
טויט האָט אונז מאַלצייט געגרייט!

## אַרום וואָקזאַל

הינט און ריקשאַ־פערד און מענטש.
קולים — שווערע פּראַצע־הענט.
פרוי געפאַלענע באַם ווינקל וועלט.
פליגן פלאַטערן באַם שיין פון עלעקטריע־לאַמפּ.
מאַסע־טרעגער מיט דער פלייצע אָנגעגרייט —
שרייען פלייצעס: גיט אונז ברויט!

קולים קנאַכנדיקע אין גאַסן, גרויליקן פאַרטאָג
און ריקשאַ־פערד — מענטש, אומעטיקער מענטש,
האָט זוילן אין האַלאַבליעס איינגעשפּאַנט —
בליט אין בליק דער הונגער־בראַנד.
שפּראַצט אַ יונגער טאָג אױף גראָז און בייט,
פעלדער ליגן, וואַרטן אויסגעשפּרייט.

בעטלער הויקערדיקע מאַנען: ברויט!
און אויף ביינערדיקער האַנט ליגט אויסגעשטרעקט דער טויט,
אַ, יונגע מאַפּאַלן באַם זייט פון טראָטואַר!
איר בליט יונג־זומערדיק אויף דלאָניע פון ווירוואַר...
אַ, פרוי פאַרלאָרענע אויף אומעטיקער ערד!
עס ווערן די גאַסן פון דיין פיין געגערט...

## אַ רויטער שטעג

איז מיר אַלץ אַזוי גוט, אַזוי נײַ —
וואַלקן און פויגל, וואָס ציען פאַרביי.
איז מיר אַלץ אַזוי נאָענט און אַלץ אַזוי ווייט — .
שוואַרצע און ברוינע און ווייסע אין שטרייט.

שרייט ביקס באַם מאַן פון אַקסל אַראָפּ.
בענקט קויל נאָך רויטן און זודיקן טראָפּ.
פּעכטן זיך הענט אַף שטרענגן געבאָט,
אויגן לאַכן און וויינען פון צאַר, פון שפּאָט.

מושטירן אַף שליאַכן מענערישע פיס
און רייסן אויף ערד מיט שאַרפן און שפּיציקן שפּיז.
און איך האָב אַ סטעזשקע אַ רויטע פאַרלאָרן אין וויסטן געיעג —
פון פרעמד האָט געמינעט אַ רויטער, אַ בלוטיקער שטעג.

## באַם ראַנד פון כינע

פרוי און מוטער
באַם ראַנד פון כינע און אינד!
עס הענגען די קאָרבן פון אייערע אַקסלען געלאָדן מיט אומעט און מי.
עס הענגען די טרוקענע בריסט, ווי פאַרטריקנטע לאַגלען,
אין בלענד פונם דאַרשטיקן וויסט.
און ס'וויקלען טראַנטעס פאַרפוילטע אייער פאַראָרימטן גוף —
אַף אייערע ליפּן גליט אַ פאַריגלטער פלוך.

פרוי און מוטער
באַם ראַנד פון כינע און אינד!
שווינדלען די באָרוועסע פיס פאַרדותגען צו אייביקער פראַצע אַף
גליענדן זאַמד.
איר לאָדט אייערע טעג אין גרונט פּתם שיף איינינעם מיט קויל-
שוואַרצן שטויב,
און ס'ווערט אייער יוגנט פאַרברענט אין פלאַם פונם פינצטערן רויב,
עס ריזלט פאַרבאַלעשט געזאַנג פון אויגן באַזוימטע מיט קרענק-
לעכן רויט.

פרוי און מוטער —
אַריבער מיין קאָפּ העננען הימלען אין געלייטערטן בלוי,
וויגט זיך די זאַטקייט אױף זאַנגען אין פעלד פאַרן שניט.
און אומעטיק נידערט אױף לעבן, האַרץ מיינס, דער טוי
באַם ראַנד פון כינע און אינד.

## עסטער שומיאַטשער

### פראַגן:

1. פאַרוואָס איז די קאָלאָניאַלע פעלקער שווער צו קעמפן קעגן די קאַפּיטאַליסטן?

2. ווי אַזוי קאָן דער טעלעפאָן, טעלעגראַף, ראַדיאָ העלפן אונטערדריקן די שוואַכע פעלקער?

3. פאַרוואָס איז גרינגער צו אונטערדריקן אַנאַלפאַבעטן, איידער אַלפאַבעטן?

4. פאַרוואָס איז די אַרבעטער לייכטער צו פירן אַ קאַמף קעגן די אונטערדריקער, איידער די פויערים?

5. וואָס האָבן געלערנט די כינעזישע אַרבעטער פון דעם שאַנכאַיער שטרייק?

6. ווער שטייט איצט אין צענטר פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין כינע?

### אויפגאַבן:

1. קריגט אין ביבליאָטעק דעם נומער 17 פונם זשורנאַל „פראָזשעקטאָר" (אױף רוסיש) פאַרן 1926 יאָר, לייענט דאָרט איבער און קלייבט פאַנאַנדער דעם אַרטיקל „האָנגקאָנג — די ענגלישע קאָלאָניע אין כינע".

2. אין מאָסקווע געפינט זיך אַן אוניווערסיטעט אױפן נאָמען פון כ' סטאַלין, פאַר די אַרבעטנדיקע מיזרעך-פעלקער. אין דעמדאָזיקן אוניווערסיטעט לערנען זיך כינעזער, איגדוסן און פאַרשטייער פון אַנדערע אונטערדריקטע מיזרעך-פעלקער. קלייבט צונויף אַ גרופּע כאַווירים, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן לעבן פון דידאָזיקע פעלקער און שרייבט אַלע צוזאַמען אַן אַ בריוו אין אוניווערסיטעט און בעט, אַז אײנם ענטפער זאָל מען אײך אויסדער-

ציילן וועגן לעבן פון די פעלקער דאָס, וואָס אייך אינטערעסירט אַמערסטן צו וויסן. אויסער דעם געפינט זיך אין מאָסקווע אַ באַזונדערער כינעזישער אוניווערסיטעט אָפּן נאָמען פון סון־יאַט־סען, דעם פירער פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

3. גיט אָן אויפגאַבע איינעם פון אייערע כאַווירים זיך דערוויסן, וואָס איז אַזוינס די אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו העלפן די רעוואָלוציאָנערע קעמפער, ווי העלפט זי די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן. זאָל אייך דערנאָך דערדאָזיקער כאַווער מיטיילן, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט.

# 8. וואָס פאַר אַ ביישפּיל נעמען זיך אַראָפּ פון פסס״ר די קאָלאָניאַלע פעלקער

## בלויז די מאַכט פון די אַרבעטער און פויערים קאָן באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער

אין אינדיע איז זייער פאַרשפּרייט אַ פּלאַקאַט, אויף וועלכן עס זיינען אָנגעמאָלט די לערער פון דער וועלט, צווישן זיי איז דאָרט אָנגעמאָלט אויך דער פּאָרטרעט פונעם באַוווּער לענין. די רעוואָלוציאָנערע פאָנען אין כינע זיינען ניט נאָר פון רויטן שטאָף, נאָר אויף זיי איז נאָך געווייגלעך אויסגענייט אָדער אָנגעמאָלט דער סערפּ און האַמער. צו אַלע ווינקעלעך פונעם ערד־קיילעך דערגייען ידיעות, אַז עס איז דאָ אַזאַ לאַנד, אין וועלכן די מענטשן טיילן זיך ניט אויף ווייסע, שוואַרצע און געלע, אין וועלכן מען באַמיט זיך פאַרבעסערן דאָס לעבן פון יעדן אַרבעטנדיקן מענטשן, מיט אַ וועלכן הויט־קאָליר ער זאָל ניט געבויהן ווערן. דאָס דאָזיקע לאַנד איז דאָס סאָוועטן־לאַנד, דאָס לאַנד, וואו די מאַכט געהערט די אַרבעטער און פויערים. די אויסגעמאַטערטע קאָלאָניאַלע פעלקער זעען באַשיינפּערלעך, אַז נאָר דאָרטן, וואו די מאַכט געפינט זיך אין אַרבעטער־הענט, בלויז דאָרטן פאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע רייסערייען, בלויז דאָרטן שטיקן ניט די שטאַרקערע נאַציעס — די שוואַכערע.

אָבער ווי אַזוי האָבן זיך די רוסלענדישע אַרבעטער און פויערים דערשלאָגן צו דער מאַכט? קעדיי צו באַקומען אַן ענטפער אויף דער־דאָזיקער פראַגע דאַרף מען באַקענט זיין מיט דער געשיכטע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די רוסלענדישע אַרבעטער און

פויערים, דאַרף מען דערלערנען די דערפאַרונג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

ווערט איצט אין דער גאַנצער וועלט דערציילט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע פּלוג-בלעטלעך, ביכלעך, אַף די סאַמע פאַרשיידנסטע שפּראַכן, ווי אַזוי די אַרבעטער און פויערים פון אונזער לאַנד האָבן זיך געלערנט מיט געווער אין די הענט צו באַזיגן זייערע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, ווי אַזוי זיי האָבן זיי אין 1917 יאָר באַזיגט, ווי אַזוי זיי האָבן דאָס באַפרייטע לאַנד פאַרטיידיקט פון אָנפאַלן, ווי אַזוי זיי האָבן גלייכצייטיק, אַף אַ נייעם שטייגער אָנגעהויבן איינצואָרדענען דאָס גאַנצע לעבן זייערס. און וואָס מער מען דערוויסט זיך וועגן דעם אין די קאָלאָניעס, אַלץ מער איבערצייגן זיך די אַרבעטער און פויערים פון דידאָזיקע לענדער, אַז אויך זיי דאַרפן גיין מיטן זעלבן וועג: מע דאַרף קעמפן דערפאַר, אַז די מאַכט פון דער בורזשואַזיע זאָל אומגעוואָרפן ווערן, מע דאַרף קעמפן קעגן דער בורזשואַזיע מיט געווער אין די הענט, מען דאַרף האָבן אַ שטאַרקע, צו שלאַכטן גרייטע, קאָמוניסטישע פאַרטיי. ניט גרינג קומט עס אָן די פאַריאָגטע און פאַרפייניקטע דורך שווערער אומענטשלעכער פּראַצע „קאָלירטע" פעלקער. אָבער מיט יעדן יאָר ווערט אַלץ אַ גרעסערע צאָל אונטערדריקטע באַקאַנט מיט לענינס לערע, אַלץ מערער און מערער דערוויסן זיי זיך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך באַ אונז.

## וואָס שוואַכער עס זיינען אייניקע באַזונדערע פעלקער, אַלץ מערער נויטיקן זיי זיך אין אַ פעסטן פאַרבאַנד צווישן זיך

נאָכן ניצחון פון די אַרבעטער און פויערים אין אונזער לאַנד, איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון די לאַנד-קאַרטעס פון דער גאַנצער וועלט דער נאָמען „רוסלאַנד", און אָנשטאָט דעם האָט זיך באַוויזן דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן (פסס"ר).

וואס זשע באטייט דער נייער נאמען? זאגט עס עפעס די קאלאניאלע פעלקער?

עס זאגט, און זייער אסאך. לאמיר אקערשט זיך גוט פאנאנדערקלייבן אין דידאזיקע גוט באקאנטע אונז פיר בוכשטאבן — פסס״ר. לאמיר נאכאמאל א קוק טאן אף דער לאנד-קארטע, דאס מאל אף דער קארטע פון אונזער לאנד, און מיר וועלן באמערקן, אז אונזער לאנד באשטייט פון עטלעכע טיילן, אז יעדער טייל האט זיך זיין נאמען. די סאמע גרעסטע טיילן זיינען: די רוסישע סאציאליסטישע פעדעראטיווע סאוועטישע רעפובליק (רספס״ר), אוקראינישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק (אוסס״ר), ווייסרוסישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק (ווסס״ר), טראנס-קאווקאזער סאציאליסטישע פעדעראטיווע סאוועטישע רעפובליק (טרקספס״ר), אוזבעקישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק (אוזבעקסס״ר), טורקמענישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק (טורקסס״ר), — דאס אלע זיינען די אזויגערופענע פארבאנד-רעפובליקן. אף דערזעלבער לאנד-קארטע איז אויך באצייכנט א גאנצע ריי אויטאנאמע (אינעווייניק-זעלבשטענדיקע) רעפובליקן, ווי לעמאשל: אויטאנאמע טאטערישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק, אויטאנאמע באשקירער סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק, אויטאנאמע טשוואשער סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק, אויטאנאמע קאזאקישע סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק און אנדערע, ווי אויך אויטאנאמע געגנטן: מאריער, קאמי, קאלמיקישע, קירגיזישע און אנד. אט די אלע רעפובליקן און געגנטן, וואס אין יעדערער פון זיי איז די מערהייט באפעלקערונג פון איינער א וועלכער עס איז נאציע, — זיי בילדן עס דעם פארבאנד פון די סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליקן.

צו וואס זשע באדארף מען האבן אזא מין פארבאנד? ניט בעסער וואלט דען געווען, ווען יעדע נאציע טיילט זיך אפ באזונדער און לעבט זיך איינגאנצן לויט איר אייגענעם שטייגער נאך? לאמיר זיך אפשטעלן אף `דערדאזיקער פראגע אביסעלע ברייטער. אין דער גאנצער וועלט גייט איצט אן א קאמף צווישן קאפיטאל און ארבעט, צווישן דער בורזשואזיע מיטן ארבעטער-קלאס. בלויז נאר בא אונז אין לאנד האלטן די ארבעטנדיקע די מאכט אין זייערע אייגענע הענט, און דעריבער האבן די קאפיטאליסטן פון דער גאנצער וועלט אזוי שטארק פיינט אונזער לאנד. זיי זייגען גרייט צו יעדער מינוט אנפאלן אף אונז, ארויפווארפן די ראטנמאכט, און צווינגען די ארבעטער און פויערים פון אונזער לאנד צו ארבעטן פאר זיי. אין פססר וואוינט העכער א מייע פארשיידענע פעלקערשאפטן. לאמיר זיך פארשטעלן, אז יעדע איינע פון זיי האט זיך באזונדער אויסגעטיילט פון אלע איבעריקע, דעמאלט קאן דער סוינע לייכט צעקלאפן זיי אלעמען איינציקווייז. אויסערדעם לוינט זיך ווירטשאפטלעך אזא מין פאראייניקונג פון די פעלקער פון סס"ר אין איין פארבאנד. אין רספס"ר, לעמאשל, איז פאראן אסאך פאבריקן און זאוואדן, און אין דער טראנס-קאווקאזער ספס"ר איז פאראן אסאך נאפט אונטער דער ערד. איז אט פון רספס"ר פירט מען אין טראנס-קאווקאז אסאך מאשינעס אף ארויסצובאקומען דעמדאזיקן נאפט, און פון טראנסקאווקאז פירט מען קיין רספס"ר נאפט פאר די פאבריקן און זאוואדן, פאר די צוגן און שיפן. אדער אוקראינע, לאמיר זאגן, איז א לאנד, וואו עס וואקסט זייער אסאך ברויט, איז דערדאזיקער ברויט ווערט געפירט אהין, וואו ער פעלט, און אוקראינע קריגט דערפאר די נויטיקע פראדוקטן. אלע רעפובליקן זייגען אלצאיינס פאראינטערעסירט דערין, אז עס זאלן זיין וואס מער אייזנבאנוועגן, אז די פאסט, דער טעלעגראף, די ראדיא זאלן ארבעטן וואס בעסער. מיט פאראייניקטע קויבעס איז עס גרינגער אויסצופירן. און דאס פארשטארקט זייער די פעלקער, וואס זייגען נאך גאר ניט לאנג אונטערדריקט געווען, דאס פירט ארויס זייער ווירטשאפט אף א ברייטן אנטוויקלונג-וועג. די נאציאנאלע רייסערייען איז

ניט נאָר וואָס זיי שוואַכן אָפּ די קויכעס, וואָס זיינען נויטיק אַף צו פירן אַ קאַמף מיטן אויסערלעכן סוינע, נאָר אויך די קויכעס, וואָס זיינען נויטיק אַף צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט.

## ווי אַזוי די סאַמע מינדסטע פעלקער אין פסס״ר נעמען אַן אַנטייל אין פאַרוואַלטן מיטן לאַנד צוגלייך מיט אַלע אַנדערע

דער פאַרבאַנד איז טאַקע נויטיק, אָבער צי ליידן דערביי ניט די אינטערעסן פון איינציקע נאַציאָנאַליטעטן, צי באַקומט זיך ניט פונדעסטוועגן אַמאָל, אַז די גרעסערע, שטאַרקערע נאַציעס האָבן די אויבערהאַנט, פאַרשטופּן אין אַ ווינקעלע, אָדער גיבן אַמאָל אַ דריק אונטער די שוואַכערע נאַציעס?

קעדיי צו ענטפערן אַף דער פראַגע, איז נויטיק גוט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן דעריין, ווי אַזוי עס ווערט פאַרוואַלטעט דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. דערפון קאָנען אויך אַסאַך לערנען די אַרבעטער און פויערים פון אַלע לענדער, צווישן זיי אויך די אַרבעטער און פויערים פון די קאָלאָניאַלע לענדער.

יעדער לייענער פון דעם ביכל ווייס, ווי אַזוי עס איז געבויט די פאַרוואַלטונג פון אונזער לאַנד. ער ווייס, אַז אין די דערפער און שטעט ווערן יערלעך אויסגעקליבן ראַטן פון אַרבעטער, פויערים און רויטאַרמייאישע דעפּוטאַטן. אַף צו פאַרוואַלטן מיט די אויעזדן און קרייזן ווערן אַף די צוזאַמענפאָרן אויסגעקליבן אויעזדנע און קרייזישע אויספיר-קאָמיטעטן פון די ראַטן (אויספירקאָמען), פאַר די גובערניעס און קאַנטן — גובערניאַלע און קאַנט-אויספירקאָמען. אַף צו פאַרוואַלטן מיט די איניאַנים פון גאַנצן פאַרבאַנד ווערט צונויפגערופן דער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. אַפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן ווערט פון יעדן אָרט געשיקט אַ צאָל דעלעגאַטן פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויס פון דער באַפעלקערונג. דער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן קלייבט אויס אַ צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט (צא״ק פסס״ר). „נו, איז אַט,—

זועט זיך כאפן דער לייענער, — קומט דאך טאקע אויס, אז אוקראַי־נער, לאמיר זאגן, איז אסאך מער אפן צוזאמענפאר איידער באש־קירן אדער קאלמיקן, און וווּ עס איז די מערהייט, יענער האט די דייע". און אזא לייענער וואלט טאקע גערעכט געווען. קעדיי צו פארזיכערן די אינטערעסן פון קליינע פעלקער, ווערט דער צא"ק פסס"ר צונויפגעשטעלט אפן פאלגנדיקן אויפן. ער באשטייט פון צוויי טיילן: פון אן אלפארבאנדישן ראט און פון א ראט פון די נא־ציאנאליטעטן. דער אלפארבאנדישער ראט באשטייט פון פאר־שטייער פון די פארבאנדישע רעפובליקן. די דאזיקע פארשטייער ווערן אויסגעקליבן אין א צאל, וואס איז פראפארציאנעל צו דער באפעלקערונג אין די רעפובליקן, וואס זיי שטעלן פאר. דער ראט פון די נאציאנאליטעטן באשטייט פון פארשטייער פון די פאר־באנדישע און אווטאנאמע רעפובליקן (צו פינף פארשטייער פון יעדער ווי גרויס זי זאל ניט זיין) און פארשטייער פון די אווטאנאמע געגנטן (צו איינעם אף יעדן ווי גרויס ער זאל ניט זיין). דער פאר־באנדישער ראט און דער ראט פון די נאציאנאליטעטן האבן איינע און דיזעלבע רעכט, — איז קלאר, אז בא אזא מין ארדענונג, קענען שוין אפילע די סאמע מינדעסטע פעלקער פארטיידיקן זייערע רעכט אין דיזעלבע באדינגונגען, ווי אלע איבעריקע.

## די שטארקערע מער אנטוויקלטע פעלקער זיינען מעכויעוו צו העלפן די שוואכערע און אפגעשטאנענערע פעלקער

אבער דאס איז נאך אלץ קנאפ, אז די פעלקער, וואס זיינען פריער געווען אונטערדריקט, זאלן קאנען אנהויבן לעבן בעסער, אז זיי זאלן קאנען ווערן אינגאנצן פולבארעכטיקטע מיטגלידער אין דער מישפאכע פון אלע ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט. שטעל זיך פאר, לייענער, אז ווען דו ביסט געווען א פיצל קינד האט מען דיך ארייננעלייגט אין ניט קיין גרויס קעסטל און מען האט דיך דארטן געהאלטן אסאך יארן (אזוי פלעגט מען אמאל טאן, קעדיי עס זאלן אויסוואקסן קריפלען צו פריילעך מאכן ליידיגייער). דיין

קערפערל וואָלט דערפון איינגעדאַרט און איינגעהויקערט געוואָרן, דו וואָלסט ניט אויסגעוואַקסן, נאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַרליקל, אַ קריפּל. דערנאָך וואָלט מען דיך פון קעסטל אַרויסגעלאָזט און אָוועקגעשטעלט נעבן אַ נאָרמאַל אויסגעוואַקסענעם מענטשן. אייך ביידן וואָלט מען געגעבן איין און דיזעלבע אַרבעט צו טאָן



זעמאָ-אווטשאַלער הידראָ-עלעקטרישע סטאַנציע אויף קאַווקאַז

מיט איין און דיזעלבע געצייג. ווער וואָלט גיכער מיט דער אַרבעט פאַרטיק געוואָרן? קיין ענטפער דאַרף מען לאַנג ניט זוכן אויף דערדאָזיקער פראַגע.

פונקט אַזוי האַלט עס מיט יענע פעלקער, וואָס זיינען פריער פאַרקנעכט געווען. מיר ווייסן, אַז מען האָט זיי פאַרטריבן אויף די סאַמע ערגסטע ערדן, אַז מען האָט זיי געצוואונגען צו טאָן די סאַמע

שוואַרצסטע, די סאַמע שווערסטע אַרבעטן, אַז מען האָט זיי פאַר־
שיקערט מיט בראַנפן. איבער דעם אַלעם זיינען אַזעלכע פעלקער



סאַמ ױע־ן—אַרבּפּאַקאָווצעס

שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין זייער אַנטוויקלונג פון די פעלקער־הער־
שער, זיינען אומגעהויער שוואַכער פאַר די לעצטע. און ווען די

רוסלענדישע ארבעטער און פויערים האָבן גענומען די מאַכט אין זייערע הענט, האָבן זיי קוידעמקאָל באַשטימט אומצוקערן צוריק די באַזוּלטע דורך דער צאַרישער רעגירונג פּעלקער זייער ערד, העלפן זיי אויפהויבן אַף אַ העכערער מאַדרייגע זייער ווירטשאַפט, העלפן זיי ליקווידירן זייער אַמעראַצעס, אויסלערנען זיי באַנוצן זיך מיט צייטונגען און ביכער, אַריינציען זיי אין דער ראַטנאַרבעט. שוין איצט הויבן אָן באַארבעטן ערד אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבן פריער געפירט אַ וואַנדער-לעבן, אַנדערע גייען איבער צו העכערע קולטורן) אַפן כעשבן פון אַלפאַרבאַנדישע מיטלען ווערן געבויט אין פריערדיקן טורקעסטאַן (איצט אוזבעקיסטאַן און טורקמעניס-טאַן) גרויסע טעקסטיל-פאַבריקן, בוימוואָל-רייניקנדיקע זאַוואָדן; די רוישיקע קאַווקאַזער טייכן שפּאַנט מען איין צו באַוועגן מעכ-טיקע עלעקטרישע סטאַנציעס; אין קירגיזער אַוטאָנאָמען קאַנט עפענען זיך לעדער און צוקער-זאַוואָדן; אַפילע פאַר די פעלקער פון ווייטן צאָפן ווערן געעפנט ספּעציעלע שולן, אין וועלכע מען סטאַ-דעט זיך צוגרייטן די נויטיקע טוער פון און פאַר דידאָזיקע פעל-קער גופע.

אַזאַ אַרבעט איז ניט פון די גרינגע. אַסאַך קאָלאָניאַלע פעלקער פון דעם פריערדיקן רוסלאַנד האָבן אַפילע זייער אייגענעם אַלעפ-בייז ניט געהאַט, און ערשט נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען אָנגע-הויבן לערנען זיי לייענען און שרייבן אַף זייער אייגענער מוטער-שפּראַך. אין די לעצטע יאָרן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין הונדערטער צייטונגען אַף די פאַרשיידענע שפּראַכן, האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן די נויטיקע ביכער. די ראַטנמאַכט באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס אויפצוהויבן דעם קולטור-צושטאַנד פון די אָפּגעשטאַנענע פעל-קער, אַריינציען זיי אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. און ביסלעכ-ווייז הויבט עס שוין אָן גערעטן. שנעל וואַקסט, לעמאָשל, די צאָל שולן פאַר די באַשקירישע, קאַלמיקישע און אַנדערע קינדערלעך, וואָס קאָנען ניט קיין רוסיש.

*) אין קאַווקאַז, לעמאָשל, האָט מען באַשאַפן טיי-פּלאַנטאַציעס.



באשקירער פיאָנערן




מיזרעך-פרויען

ווי אַזוי עס וואַקסט די צאָל שולן פאַר די קינדער פון דידאַזיקע פעלקער זעט זיך אָן פון די פאָלגנדיקע ציפערן: אין 1923—24 יאָר איז אין רספס"ר געווען אַזעלכע שולן 3018, אין 1924—1925 יאָר איז שוין געווען 3674 אַזעלכע שולן. און אין 1925—1926 יאָר — 4215. און פונדעסטוועגן כאַפּן דערװײַל אַרום אין דורכשניט דידאַזיקע שולן נאָר אַ דריטל פון די, וואָס דאַרפן זיך לערנען דאָרטן.

עס הויבן זיך שוין אָן בײַטן אויך אייניקע געוואויינהייטן, מינהאָגים. אַ באַזונדער שווערן לעבן האָט פריער קימאַט בײַ אַלע אַפּגעשטאַנענע פעלקער געהאַט די פרוי. זי האָט מען גאָר פאַר קיין מענטשן ניט גערעכנט, געצוואונגען די שווערסטע אַרבעטן צו טאָן, ניט דערלויבט אַפּילע צו באַווייזן זיך מיט אָן אָפּגעדעקטן פּאָנעם. די ראַטנמאַכט קעמפט מיט אַלע מיטלען פאַר דער באַפרייאונג פון דער פרוי בײַ דידאָזיקע פעלקער, סטאַרעט זיך צו העלפן איר ווערן אַ פולבאַרעכטיקע בירגערן. באַזונדערס פיל טוט אָפּ דעם געביט דער קאָמיוג און די אַפּטיילן פון די אַרבעטערנס און פויערטעס.

און אויך אָפּ דעם געביט האָבן מיר שוין זייער היפשע דערגרייכונגען. אין אַ גאַנצער ריי סאָוועטישע אַנשטאַלטן אַרבעטן איצט אוזבעקשקעס, טאַטערקעס, קאַלמיטשקעס. אַזוי ווערט ביסלעכווייז אָפּגעווישט דער כּילעק צווישן „גרויסע" און „קליינע" פעלקער, צווישן „ווייסע" און „קאָלירטע", אַזוי ווערט געמאַכט אָן אָנהויב פון אַ ברידערלעכן בונד פון מענטשן פון אַלע פעלקער אָפּ איבערבויען דאָס לעבן אָפּ נייע יעסוידעס, אָפּ אויסבויען אַ לעבן, וואו אין מענטש וועט דעם צווייטן העלפן און ניט אונטערדריקן.

---

# זאַינעטס שוואָוע

## 1

אַריין און געזאָגט האָט זי אים: „סאַלאַמאַט".
מירזאַ טוט אַ צי זיך און שמייכלט זיך זאַט.
אַ ווײַב בײַ מירזאַן — אַ שיינהייט, אַ בילד —

יונג נאָך און מילד.
אַ ווייב באַ מירזאָן — און די דריטע באַ אים —
אין געגנט מיט פּראַכט און מיט שטאַלט איז באַרימט.
פון פרויען כּיבֿאַרער ניט געפינען איר וועט
שלאַנקער און שענער פון איר, פון זאַינעט.
די ברידער — אוזבעקן מירזאָ האָט באַצאָלט
אַן אויסקויף פאַר איר מיט זילבער און גאָלד.
מאַטאַמעם די ברידער מירזאָ האָט געשענקט —
און אַ שלאָס און אַ שווערער אַ דריטער שוין הענגט.

2

אונטער פּאַרהאַנג געדיכטן פון דער לאַנגער טשאַדראַ,
אונטער שוויגערשן אויג, אונטער שטרענגן,
איז געגאַנגען זאַינעט און געשלענגלט
באַ דער זייט פון „קאַמיוג" — ניט אַף ליפּן צו ברענגען, —
וואו עס זשומען ווי בינען באַם האָניק אין שטאָק
שוואַרצאויגיקע קינדער מיט זיסן געזאַנג,
באַ אַ ביכל באַצירטן מיט לענינס אַ בילד,
באַ דער מוירע דער נייער פון ליכט און פון טאָג:
נודערבאַי יעראַלדי,
באַי־ליאַר־דאַן,
יעקסאַליאַרא־בערדי.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אינדערהיים אַ צעקנייטשטער — אַן בעגעד, אָן שוך,
געוואַרט אַף זאַינעט האָט איר מאַן און איר האָר.
און געזאָגט האָט זאַינעט מיט אַ זיפץ און מיט האַרץ:
פּאַר־פּ־לוכ־כטער!

3

— אַלמעכטיקער אַללאַ! — אַלמעכטיקער אַללאַ!
פון מינאַרעט געזונגען האָט מוללאַ
דעם היילקן געזאַנג פון טפילע קאַרגער.

געזאָגט האָט זאינעט זיך: אַ סאָף און גענוג,
דעם יאָר פֿונם חאַלז — און אַוועק אין „קאַמיוג“ —
אַ שאָטן אַ שטילער דורך געסלעך און מאַרקן....

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיט שוים אויף די ליפּן מיט עקל און האָט
די שוויגער די בייזע אַציינד האָט גערעדט:
„זאינעט!
פֿון וואַנען נאָר, זאָג מיר, דו קומסט איצטער אָן?
וואו ביזטו געגאַנגען באַגינען צו גאַסט?
מיין שטוב האָסט פֿאַרשוועכט
מיט אַ זינד,
מיט אַ פֿלעק, —
וואו האָסטו געלאָזן פֿון פּאָנים די דעק?“
און געזאָגט האָט זאינעט,
מיט ווירדע און וואָג: —
„געווען בין איך דאָרטן,
וואו ליכט און וואו טאָג,
וואו לענינס געבאָטן
מע אַכטעט, מע היט,
וואו פֿרויען בוכאַרער
אַן אייצע מע גיט,
ווי גיכער צו פֿרייהייט
די וועגן געפֿינען, —
אָט דאָרט און אַהין
כ'בין געגאַנגען באַגינען...“
און אַוועק איז אַ טאָג, און דער טעמפּער מירזאַ,
פֿאַר פּײַניקן פֿאַרשקלאַפּטע — דער שרעקלעכסטער גזאר,
געשריען פֿאַר צאַר האָט, פֿאַר ווייטיק און קאַעס;
אַנטלאָפֿן דאָס ווייב איז, אַנטלאָפֿן זאינעט,
זאינעט איז אַנטלאָפֿן — אויף אייביק אַוועק,
זאינעט איז פֿאַרלאָרן — זאינעט אויף דער פֿריי...

4

אַ יאָר פֿון שווערער מי דורך נעכט און טעג,
ווי שענסטער טרוים איז גיך אַוועק
פֿאַר איר, זאינעט,
אין פערגאַנאַ, —
פֿאַר איר, — פֿאַר גליקלעכסטער פֿון פרויען;
צו פרויען אָרעמע זי רעדט,
פרויען גלויבן איר, זאינעט —
פרויען אָרעמע נאָר איר פֿאַרטרויען...
געזוען זאינעט איז אָפֿן פֿראָנט,
געוווּן איר נאָמען איז באַקאַנט:
„די אויסשפּירערן די בעסטע".
פֿון מויל צו מויל — איר ליבּ־געזאַנג,
פֿון טראָט צו טראָט אין לויף און גאַנג —
געוווּן זאינעט אין שלאַכט די בעסטע...
דער סוינע האָט איר טראָט געהיט,
זאינעט אין שלאַכט האָט זיך געציט —
געצילט דער סוינע האָט זי מיט אַ קויל באַגריסן;
דער סוינע האָט דעם וועג געפֿאַרשט —
דער סוינע האָט נאָך בלוט געדאַרשט,
נאָך הייסן בלוט
פֿון איר, זאינעט,
שוואַרצאויגיקע
און שלאַנקע
קאָמיוגיסטן.

5

אין טוי-הויז' אין שטאָט פערגאַנאַ,
זיצט דאָרט אין צאָרן מירזאַ,
זיצט דאָרט אין קאָך פֿון געבליטן;
מירזאַ ניט געקאָרגט האָט קיין געלט,

מירזא האָט שוין צווייען באַשטעלט —
צווײ שלעגער, אוזבעקן, געניטע...
„איצט גייט און פאַרניכטעט זאַינעט“, —
אַזוי האָט מירזאַ זיי געדעדט. —
„איצט גייט, און ס'זאָל אייך באַגליקן“ —
געזאָגט האָבן ביידע אים פעסט:
„אָן צאָרן, אָן דייגען פאַרגעס,
מיר וועלן אָן איר ניט צוריק גיין...“
אַוועק זיינען ביידע פאַרנאַכט,
די וועגן און שפורן באַטראַכט,
געזוכט און געפונען אַף זיכער —
אַ כאַטע באַפאַלט און פאַרצוקט,
אחזבעקן האָבן אויך ניט געקוקט, —
אַרויף נוי אַ ווינט, ווי אַ וויכער....
אַ כאַטע באַפאַלט און צעטרעט, —
אוזבעקן צעבייטן זאַינעט,
צעציען איר רוקן און לענדן;
אין פינצטער זיי קערן זיך פלינק,
צעברעכן אַ האַנט זיי געלינגט, —
און נאָך ניט קיין סאָף און קיין ענד.
סע ווייסט אַן אוזבעק, ווי מע דאַרף
שלייפן אַ מעסער ביז שאַרף,
שלייפן, אין האַלז אים פאַרשלאָגן...
אַף וועגן זאַינעט דאַרטן ליגט...
אין הימלען — אַ שטערן זיך וויגט,
און ס'וועט דאַרט באַלד אָנהויבן טאָגן.

6

באַראַשים פינף שוין הורך. זאַינעט אין פערגאַנאַ.
דאָס פּנים אירס — אַ שטיק פאַרבאַקן בלוט;
אין קראַנקהויז איז שטיל, און אַלץ שוין רוט,
נאָר ניט די שטילקייט דאָ סע שרעקט זי איצט באַנאַכט.

ניט קיין כּאַלעם גרויזאַמער אין שלאָף זי רעגט
און ניט קיין פּכאַדים נאַכטיקע אַף וועגט זי וועט;
דער האַלז צעבראָכן איז — בּאַ איר, זאַינעט,
די לינקע האַנט בּאַ איר — איז אָפּגעזועגט.

דאָס אויג אירס נאָך שווימט אַרום אין רויך, אין נעפּל,
געהער אירער — פאַרטעמפּט, דער קאָפּ — צעשלאָגן,
און אַלע זי באַוואונדערן און זאָגן:
„אַ נעס, אַ נעס, וואָס בּיזט געבּליבּן לעבּן".

זאַינעט אין מאָסקווע פאָרט — דאָס אָרט איז רייך מיט וויסן,
אין מאָסקווע דאָרט, זאַינעט וועט גיך געגעזן ווערן;
זאַינעט, זי רעדט, זאַינעט זי זעט, זאַינעט זי קאָן שוין הערן,
זאַינעט פון וועלט פון ליכטיקער שוין קאָן געניסן.

„קאָמאוניוועדסיטעט פאַר אַרבעטנדיקן מיזרעך"
באַנאַכט צו כאַלעם קומט, באַטאָג זי זעט אים;
„איך האָב ביז איצט אין שלאַכט מיין דאָרשט נאָך ניט בּעזעטיקט",
זאַינעט געשוואָרן האָט און האָט איר האַנט באַוויזן:

„איך שווער באַם קיוועד דאַ פון נאָווי נייעם,
מיט בּלוט און אַדערן איך שווער, מיט מינדסטן אָטעם,
אַז דיינע שטאַלענע, דיינע לויטערע געבּאָטן
צעטראָגן כ'וועל אין גאַנץ לאַנד אין פרייען.

פון דאָרף צו דאָרף צו פרויען אָרעמע, פאַרקנעכטע,
אין חויפן פינצטערע דיין ליכט ביז דאָן כ'וועל טראָגן, —
ביז ס'וועט אַף אויסקריצן געגנוג נאָך קראַפט פאַרמאָגן
דיין נאָמען מייערן מיין האַנט מיין רעכטע!".

**דעמיאַן בּעדני. אידיש — ש. האַלקין.**

## פראגן:

1. ווי אזוי באציען זיך די אונטערדריקטע פעלקער פון דער גאנצער וועלט צו פסס"ר?

2. צו וואס האבן די סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליקן געשלאסן צווישן זיך א בונד?

3. צו וואס ווערן געעפנט פאבריקן און זאוואדן אין אזעלכע רעפובליקן און קאנטן, ווי אוזבעקיסטאן, קירגיזיע און אנדערע?

4. פארוואס באמיט זיך די ראטנמאכט צו עפענען וואס מער שולן פאר די אפגעשטאנענע פעלקער?

5. פארוואס איז וויכטיק די ארבעט צווישן די פרויען פון די אפגעשטא-נענע פעלקער?

## אויפגאבן

1. געפינט אף דער לאנדקארטע די באזונדערע פארבאנדישע רעפוב-ליקן. שרייבט איבער זייערע נעמען.

2. שטעלט צונויף א דיאגראמע פון דעם וואוקס שולן פון דער ערשטער שטופע פאר די אפגעשטאנענע פעלקער פון פסס"ר (אפן סמאך פון די ציפערן וואס איר קענט קריגן).

3. שאפט זיך איין א העפטל און שרייבט אהין אריין אלע לידער און דערציילונגען וועגן דעם נייעם לעבן פון די געוועזענע קאלאניאלע פעלקער אין פסס"ר.

## 9. ווען וועט זיך ענדיקן די קנעכטשאַפט פון אַלע קאָלאָניאַלע פעלקער

### ווער איז דער פאָלגנדיקער?

אין זומער פון 1926 יאָר זיינען קיין מאָסקווע געקומען צופאָרן אַ גרופּע ענגלישע לערער. געקומען זיינען זיי, קעדיי אַ קוק צו טאָן ווי אַזוי עס אַרבעטן אין ראַטנרוסלאַנד די קינדער־שולן, וואָס און ווי אַזוי לערנט מען דאָרטן די קינדער. די ענגלישע לערער האָבן זיך אויך פאַרינטערעסירט מיט דער גאַנצער אויפקלער־אַרבעט, וואָס מיר פירן. באַזונדערס האָט זיי פאַרינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי מיר לערנען גראַמאַטע מיט דערוואַקסענע. האָט מען זיך גענומען דערציילן זיי דאָס, און אַגעוו האָט מען זיי באַוויזן 25 אַלעפבייזן.

האָבן זיך די ענגלישע לערער פאַרוואונדערט:

— פאַרוואָס עפּעס אַזויפיל אַלעפבייזן?

איז אויסגעקומען זיי צו דערציילן, וויפל פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן עס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי די צאַרישע רעגירונג האָט זיי גאָרניט ניט געלערנט, ווי פאַר פיל פון זיי איז איצט אויסגעקומען צום ערשטן מאָל שאַפן אַלעפבייזן, לערנען לייענען און שרייבן ניט נאָר קינדער, נאָר אויך דערוואַקסענע, לערנען זיי, קעדיי זיי זאָלן זיך קאָנען באַנוצן מיט צייטונגען און ביכער און דערוויסן זיך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי.

די ענגלישע לערער האָבן זיך גענומען גוט באַקוקן די דאָזיקע ביכלעך, וואָס זיינען געדרוקט געווען מיט אַ מאָדנעם שריפט, די צייכנס, וואָס זיינען לאַכלוטן ניט ענלעך אַף אייראָפּייאישע בוכ־

שטאַבן. און איינער פון זיי האָט מיט לייכטנדיקע אויגן אַ זאָג געטאָן:

— אַ, דידאָזיקע ביכלעך זיינען פאַר אונז זייער אינטערעסאַנט. ווען אין ענגלאַנד וועלן זיגן די אַרבעטער וועט אונז אויך אויסקו־מען צו לערנען גראַמאַטע אַסאַך פאַרשיידענע פעלקער. בײַ אונז וועלן דאָך דעמאָלט אויך ניט זיין קיין קאָלאָניעס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאָזיקע אַלעפּבייזן האָט זיך לאַנג גע־צויגן דער געשפּרעך וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווערט אין די ראַטנ־לענדער געפירט אַ קאַמף מיט דעם אַנאַלפאַבעטיזם, ווי פאַראַקשנט מיר האָרעווען דערויף, אַז די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער זאָלן זיך אויסלערנען באַנוצן מיט די קענטענישן, וואָס עס האָבן די סאַמע פאָרגעשריטנסטע. און ווען מען האָט געענדיקט דעם שמועס, האָבן עטלעכע לערער געבעטן מען זאָל זיי מיטגעבן מיט זיך די ביכלעך. די אַלעפּבייזן זיינען גלייך פאַרפּאַקט און איבערגעגעבן געוואָרן. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען די לערער אָפּגעפאָרן אין ענגלאַנד און די אַלעפּבייזן זיינען בײַ זיי געווען ווי אַ דערמאַנונג פאַר יע־דערן, וואָס וועט זיי נעמען אין די הענט אַריין, אַז גראַמאַטע דאַרף זיין די גאָב פון אַלע מענטשן, אַז יעדעם פאָלק, פון וואָס פאַר אַ קאָליר זיין הויט זאָל ניט זיין, קאָן זיך אויסלערנען לייענען ציי־טונגען, ביכער, אַז דערויף איז גענוג, אַז איין פאָלק זאָל אויפהערן אונטערדריקן דאָס צווייטע, אַז די וועלט זאָל אויפהערן צעטיילט ווערן אויף מעטראָפּאָליעס און קאָלאָניעס.

די אַרבעטער און פּויערים בויען אַ נייעם לעבן אין ססס"ר און אין דערזעלבער צייט שפּירן זיי אויסמערקזאַם נאָך, ווי עס צעפלאַ־קערט זיך דער קאַמף אין די קאָלאָניעס, ווי די אַרבעטער און פּויע־רים פון די מעטראָפּאָליע־לענדער קעמפן פאַר דער מאַכט. און ניט ווילנדיק שטעלט זיך אַ פראַגע: ווער איז דער פאָלגנדיקער? אין וועלכן לאַנד וועלן גיכער די אַרבעטער און פּויערים פאַרטרייבן די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, וועלן איבערגעבן די ערד, פאַבריקן און זאַוואָדן אין די הענט פון אַלע אַרבעטנדיקע, וועלן פאַרניכטן די אונטערדריקונג פון איינע נאַציאָנאַליטעטן דורך אַנדערע?

קאָן מען פּינקטלעך ענטפֿערן אַף דעראָזיקער פֿראַגע? [illegible] פּינקטלעך ענטפֿערן קאָן מען נאָך דערווייל ניט. קאָן זיין, אַז [illegible] וועט פֿאָרקומען טאַקע אין ענגלאַנד גופֿא, וואו די אַרבעטער [illegible] אָן אַפֿן אַרויסצוטרעטן קעגן די קאַפּיטאַליסטן, קאָן זיין, אַז [illegible] דייטשלאַנד, וואו עס לעבט זיך איצט אַזוי שווער די אַרבעטער-מאַסן, אָדער עס קאָן זיך אַמאָל אויך טרעפֿן, אַז די אָדער יענע קאָלאָניע וועט אויפֿהייבן אַן אויפֿשטאַנד קעגן איר מעטראָפּאָליע, וועט אַרונטערוואַרפֿן די הערשאַפֿט פֿון די „ווייסע הערן" און וועט זיך פֿאַראייניקן צום פֿאַרבאַנד פֿון די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובּליקן. פֿאַר דעם האָבן זייער שטאַרק מורא די קאַפּיטאַליסטן און מיט אַלע מיטלען שטערן זיי די קאָלאָניאַלע פֿעלקער צו דערוועקן זיך, וואָס עס טוט זיך בּאַ אונדז אין לאַנד, פּייניקן און טייטן [illegible] געלע, שוואַרצע און ברוינע מענטשן, וואָס דערוועגן זיך צו טראַכטן און רייִדן וועגן לעניגען, וועגן קאָמוניזם.

אין אונדזערע טעג פֿון קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, גייט דער קאַמף צווישן די אונטערדריקטע מיט די אונטערדריקער אין דער גאַנצער וועלט. און אין דער גאַנצער וועלט לערנען זיך די [illegible] בעטנדיקע אַלץ מער און מער צו פֿאַרשטיין, אַז זיי דאַרפֿן [illegible] האַלטן בּאַ האַנט, אַז זיי אַלע, אומאָפּהענגיק פֿון קאָליר פֿון [illegible] הויט, האָבן איינע און דיזעלביקע געמיינזאַמע אינטערעסן.

## דער שטרייק פֿון די ענגלישע באַרג-אַרבעטער און [illegible] קאַמף פֿון די כינעזישע אַרבעטער פֿאַר אומאָפּהענגיקייט

אין מאַי פֿון 1926 יאָר האָט זיך אין ענגלאַנד אָנגעהויבן [illegible] שטרייק פֿון די קוילנגרעבער. די קוילנגרעבער האָבן געפֿאָדערט [illegible] פֿאַרקירצן די צאָל שעהן אַרבעט אונטער דער ערד און העכערן די [illegible] לוין. העכער אַ האַלב יאָר האָט זיך געצויגן דער שטרייק. די [illegible] דוקציע פֿון דער קוילן-אינדוסטריע איז אין ענגלאַנד אַזוי שטאַרק געפֿאַלן, אַז ענגלאַנד, וועלכע פֿלעגט שטענדיק אַרויספֿירן קוילן [illegible] אַנדערע לענדער איז דאַסמאָל אַליין גענייט געוועזן צו קויפֿן. צוליבן

קוילן־מאנגל האבן זיך אפגעשטעלט אסאך פאבריקן און זאוואדן, איז פארקירצט געווארן די צאל קורסירנדיקע צוגן. ניט גרינג איז אבער געווען די קוילנגרעבער צו שטרייקן. אין פיל ראיאנען זיינען די ארבעטער און זייערע געפאלן פון הונגער אין כאלאשעס.

און אין דערזעלבער צייט האט זיך אף אן אנדער קאנטינענט, אין אזיע, ברייט צעוואקסן דער קאמף פון די כינעזישע ארבעטער פאר זייער אפהענגיקייט. און די ענגלישע קאפיטאליסטן זיינען ניט בעקויעך געווען, ווי פריער, מיט איין קלאפ צו צעשמעטערן די ווייסע און געלע קנעכט, וואס האבן זיך אויפגעהויבן קעגן זיי. און ידא האבן נאך די ארבעטער און פויערים פון פסס"ר אויך גע־האלפן די שטרייקנדיקע. אלע מיטגלידער פון די פראפעסיאנעלע פאריינען פון אונזער לאנד האבן יעדן כוידעש אפגערעכנט א באַ־שטימטן פראצענט פון זייער געהאלט לעטוויזועס די שטרייקנדיקע, אויך די צייטונגען האבן געזאמלט.

די ענגלישע קוילנגרעבער און די כינעזישע טעקסטילער האבן געטאן איין און דיזעלבע זאך — זיי האבן געקלאפט די ענגלישע קאפיטאליסטן, זיי האבן צעטרייסלט די מעכטיקייט פון דער אלטער גרויס־בריטאניע, וואס הערשט איבער מיליאנען קנעכט פון פאר־שיידענע הויט־קאלירן. ענדגילטיק צו באזיגן זיי איז דערווייל ניט געלונגען, אבער אלס אן ערשטער קלאפ איז עס געווען א גאנץ נישקאשעדיקער. די ענגלישע קאפיטאליסטן האבן גרויסע העזיי־קעס געליטן. זיי האבן דערשפירט א שרעק פאר יענע, וועמען זיי האבן ביז איצט אונטערדריקט אומבאשטראפט. אבער דאס איז נאך ניט די הויפט־זאך. די הויפט־זאך איז דאס, וואס צווישן די ענגלישע און צווישן די כינעזישע ארבעטער שטארקט זיך פאר די לעצטע יארן דאס פארשטיין פון דער נויטווענדיקייט פון א קאמף ביזן סאף, שטארקט זיך די איבערצייגונג, אז פארבעסערן זייער לעבן וועלן זיי קאנען נאר דאן, ווען זיי וועלן פארניכטן די מאכט פון די קא־פיטאליסטן, ווען אלע ארבעטנדיקע וועלן שליסן א בונד צווישן זיך.

## די שטאַבן פון די אַרבעטער און פּויערים פון דער גאַנצער וועלט

אָבער פאַרוואָס זשע האָבן אַנדערע אַרבעטער, די טעקסטילער, די מעטאַליסטן ניט אונטערגעהאַלטן די קוילנגרעבער אין ענג־לאַנד? פּאַרוואָס איז געשען אַזוי, אַז אין דערזועלבער צייט, ווען די ענגלישע קוילנגרעבער האָבן אויפגעהערט גראָבן קוילן קעדיי צו צווינגען זייערע באַלעבאַטים צו גיין אַף האַנאַכעס, האָבן ניט גע־וואָרפן גראָבן די קוילן די דייטשישע, אַמעריקאַנישע אַרבעטער, האָבן די טראַנספּאָרט־אַרבעטער געפירט דידאָזיקע קוילן קיין ענג־לאַנד? פּאַרוואָס זאָלן די אינדישע אַרבעטער ניט העלפן זייערע שכיינים, די כינעזישע אַרבעטער? פאַרוואָס? דעמאָלט וואָלט מען דאָך מיטאַמאָל געקאָנט געבן אַ טויט־קלאַפּ די קאַפּיטאַליסטן, אי־בערבויען דאָס לעבן אַף דער גאַנצער וועלט.

אַף דידאָזיקע אַלע פראַגן קאָן מען אָט ווי אַזוי ענטפערן: דער־פאַר, ווייל די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער זיינען נאָך ניט גענוג אָרגאַניזירט, ווייל זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט גע־מיינזאַם צו קעמפן אין איין און דערזעלבער צייט. זיי האָבן נאָך ניט אויסגעלערנט זיך, אָבער זיי לערנען זיך און צו דעם צוועק שאַפן זיי אינטערנאַציאָנאַלע (צווישנפעלקערלעכע) פאַריייניקונגען.

וואָס פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע שלאַכט־פאַריייניקונגען פון די אַר־בעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט עקזיסטירן איצט? די הויפּט־פאַ־רייניקונגען זיינען די פאָלגנדיקע: דער קאָמוניסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל (מען רופט אים אויך דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל אָדער קאָמינטערן), דער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען (אָדער פּראָפינטערן), דער קאָמוניסטישער יוגנט־אינטער־נאַציאָנאַל. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַביסל גענויער אַף יעדן פון זיי.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאַריייניקט די קאָמו־ניסטישע פאַרטייען פון גאַר דער וועלט. אַף די צוזאַמענפאָרן און באַראַטונגען פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע ווערן באַשלאָסן די פראַגן וועגן דעם, וואָס עס דאַרף טאָן יעדע פאַרטיי באַ זיך אין לאַנד קעדיי

זי זאָל קענען פירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער אויף אַ ריכטיקן וועג, ווי אַזוי דאַרפן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען העלפן איינע די אַנדערע. דאָס איז אַ שלאַכט־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון די רעוו[illegible]נערע אַרבעטער פון גאַר דער וועלט, און דעריבער האָט זי די ב[illegible] שואַזיע אַזוי פיינט, דע־ריבער ווערן אַזוי רישעסדיק פאַרפאָלגט ...זירע מיטגלידער. דורכ־רייסן זיך, פון די בורזשואַזע לענדער אויף אַ צוזאַמענפאָר אָדער באַ־ראַטונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז זייער שווער. זשאַנדאַרן, פּאָליציי, שפּיאָנען שפּירן נאָך נאָך יעדן אָפּפאָרנדיקן. דער קאָמינטערן האָט אָנגעהויבן פירן זיין אַרבעט אין 1919 יאָר, זיינע צוזאַמענפאָרן קומען געוויינלעך פאָר אין מאָסקווע.

דער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (פּראָפינ־טערן) פאַראייניקט די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער, פירט אַ קאַמף דערפאַר, אַז אין דער גאַנצער וועלט זאָל איינגע־שטעלט ווערן אַן אַכטשאָעדיקער און אַ קלענערער אַרבעטס־טאָג, פאַר אַזאַ מין אַרבעט־לוין, וואָס זאָל זיכערן יעדן אַרבעטער אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ, העלפט די שטרייקנדיקע אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אין וואָס פאַר אַ לאַנד דער שטרייק זאָל ניט פאָר־קומען. אין דערזעלבער צייט העלפט דער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפאַריינען קלאָרצומאַכן די באַדייטונג פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן, העלפט אים צוגרייטן די אַרבעטער איבערצונעמען די מאַכט צו זיך אין די הענט. דער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפאַריינען פירט זיין אַרבעט פון 1920 יאָר אָן.

אַ ריזיקע באַדייטונג האָט איצט אויך דער קאָמוניסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל („קים"), וואָס פאַראייניקט מיליאָנען אַרבעטער־יוגנט פון דער גאַנצער וועלט. אַנטשטאַנען איז ער סאַכאַקל מיט עטלעכע כאַדאָשים שפּעטער פאַרן קאָמינטערן. דער ערשטער צו־זאַמענפאָר זיינער איז פאָרגעקומען אין בערלין, אָבער אָפּטער פון אַלץ פאָרט זיך צונויף די רעוואָלוציאָנערע יוגנט אויף אירע באַראַ־טונגען ווידעראַמאָל אין מאָסקווע. די בורזשואַזיע פון אַלע לענדער



כינעזישע פּיאָנערן

האָט פּיצט די קאָמוניסטן און רעכנט זיך מיט זיי אַפּ אַפן שווידער־לעכסטן אויפן, אָבער ניט וויניקער האָט זי פּיינט אויך די קאָמ־יוגיסטן.

הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך ווערן געפּייניקט אין די טפּי־סעם פון די אייראָפּייאישע לענדער, מע אַרעסטירט זיי אין אַמעריקע, מע טויט זיי אין כינע, אין אינדיע פאַר בלויזן אָנגעהערן צו די קאָמוניסטישע יוגנט־פאַריינען, דערפאַר, וואָס זיי שטרעקן ברי־דערלעך אויס די הענט איינע די אַנדערע.

נאָך די קאָמיוגיסטן הויבן זיך אויף און וואַקסן אין אַלע לענדער די אַטריאַדן פון די יונגע פּיאָנערן. די פּיאָנערן גיבן נאָך אין דער קינד־הייט אַ שוואָוע צו קעמפן קעגן יעדן גוואַלטטאַט פון איין מענטשן איבערן צווייטן, צו פאַרטיידיקן די שוואַכע און אונטערדריקטע.

אַזוי וואַקסט אַלץ ברייטער די צווישנפעלקערלעכע באַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים, אַזוי זאַמלען די אַרבעטנדיקע אין מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס זייערע קויכעס. די הויפּט־אויפגאַבע באַ־שטייט איצט אין פאַרשטאַרקן די שלאַכט־שטאַבן, אין אָרדינאַציען אין דער באַוועגונג די ברייטסטע מאַסן. דעמאָלט וועלן די אַרבעטנ־דיקע ווערן אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט. מיט אַן איינהייטלעכן אָנ־גריף וועלן זיי אומעטום אָראָפּשליידערן די קאַפּיטאַליסטן און וועלן זיך אַ נעם טאָן איבערצובויען דאָס גאַנצע לעבן אַזוי, אַז מיט גע־מיינזאַמע קויכעס זאָלן זיי קאָנען אַרויסרייסן באַ דער נאַטור אַלץ מער און מער רייכטימער, אָף צו פאַרניכטן אָף אייביק דעם דאַלעס און אָרעמקייט, אָף אָפּצושאַפן אָף אייביק די אונטערדריקונג פון איין מענטשן דורכן אַנדערן און אויסבויען די סאָציאַליסטישע גע־זעלשאַפט.

ווי זשע וועלן דעמאָלט לעבן די פאַרשיידענע פעלקער צווישן זיך? וועלן דעמאָלט עקזיסטירן מעלוכעס, וואָס וועלן מיט שטענ־דראַט זיין אָפּגעצאַמט איינע פון די אַנדערע?

# פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן פון דער גאַנצער וועלט

די נאַציאָנאַליטעטן זיינען געשאַפן געוואָרן און האָבן זיך אויס-פאָרמירט אין א מעשעך פון פולע טויזנטער יאָרן, און דער כילעק צווישן פאַרשיידענע פעלקער לויטן הויט-קאָליר, לויט דער שפּראַך וועט נאָך לאַנג עקזיסטירן. צי באַטייט דאָס אָבער, אז יעדע נאַציע וועט לעבן בלויז פאַר זיך, וועט לעבן אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע? אין קיין פאַל ניט. דאָס וואָלט געהייסן גיין צוריק און ניט פאָרויס. מיר האָבן שוין געזען, ווי דאָס איז אין פסס"ר, אז די קאָלאָניאַלע פעלקער דאַרפן זיך פאַרייניקן צווישן זיך און מיט דער געוועזענער מעטראָפּאָליע; אז די שטאַרקערע פעלקערשאַפטן העלפן די שוואַכערע און אָפּגעשטאַנענערע און אז אַזוי אַרום ווערן געשטאַרקט די קויכעס פון דעם גאַנצן פאַרבאַנד, ווערן געשטאַרקט אויך די קויכעס פון יעדער רעפּובליק באַזונדער. אַזוי דאַרף זיין אויך אין דער גאַנצער וועלט. ווען די מאַכט וועט אין דער גאַנצער וועלט אַריבער צו די אַרבעטער אין די הענט, וועט יעדער נאַציע האָבן אַליין דאָס רעכט צו באַשטימען צי באַדאַרף זי זיך אויסטיילן אין אַ באַזונדער רעפּובליק, צי באַדאַרף זי האָבן איר אייגענע פאַרוואַלטונג. און, געוויס, ניט ווייניק פאַרשיידענע רעפּובליקן וועלן געשאַפן ווערן. אָבער דידאַזיקע רעפּובליקן וועלן זיך נויטיקן אין דעם סאַמע ענגסטן בונד צווישן זיך, מאַכמעס אין איין לאַנד געפינט זיך אַסאַך שטיינקוילן, אין דעם צווייטן — אייזן, אין דעם דריטן — ברויט. די באַפרייטע פעלקער וועלן ניט דאַרפן מילכאָמע האַלטן צווישן זיך פאַר דידאַזיקע רייכטימער, זיי וועלן קאָנען אויף אַ פריידלעכן אויפן צונויפריידן זיך צווישן זיך ווי אַזוי בעסער אויסצונוצן די רייכטימער פון דער וועלט פאַר אַלעמענס וועגן. אַלע צוזאַמען וועלן זיי בילדן דעם גרויסן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פון דער וועלט.

עס וועלן דורכגיין צענדליקער יאָרן און די מענטשן, וואָס וועלן לעבן נאָך אונז, וועלן פאַרוואונדערט ווערן ווען זיי וועלן זיך דער-

חשבון פון די ביכער, ווי אַזוי מענטשן האָבן פריער זיך אָפּגעצאַמט איינע פון די אַנדערע, וויפל בלוט עס איז צוליב דעם פאַרגאָסן געוואָרן. און אינגאַנצן ווי אַן אויסגעטראַכטע מאַיסע וועט פאַר זיי קלינגען די געשיכטע וועגן דעם, אַז איינע, ווייסע מענטשן, האָבן אַמאָל ביטול זיך געקאָנט באַציִען צו אַנדערע, קאָלירטע מענטשן, נאָר דערפאַר, וואָס די הויט איז בא זיי פון אַן אַנדער קאָליר.

לאָמיר אַלע איניינעם אַרבעטן דערויף, אַז אַזאַ צייט זאָל אָנקומען וואָס גיכער.

## פראַגן:

1. פאַרוואָס האָבן די ענגלישע לערער זיך פאַראינטערעסירט מיט די לעבנסבאַדינגונגען פאַר די אָפּגעשטאַנענע פעלקער פון ססס"ר?
2. דערמאָן זיך נאָכאַמאָל, וואו און וועלכע קאָלאָניעס האָט ענגלאַנד?
3. ווער קעמפט מיט די קאַפּיטאַליסטן ניט נאָר אין די קאָלאָניעס, נאָר אויך אין דער מעטראָפּאָליע?
4. פאַרוואָס קעמפן די ווייסע אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן, פונקט ווי די קאָלירטע?
5. וואָס שטערט די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן אַ סאַך צו מאַכן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין כינע?
6. וואָס באַטייט דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַל?
7. וועלכע צווישנפעלקערלעכע פאַראייניקונגען פון די אַרבעטער האָט איר געדענקט?
8. וואָס איז די הויפּט־פליכט פון יעדן פּיאָנער?
9. פאַרוואָס וועט מען אויפהערן צו פירן מילכאָמעס, ווען אין דער גאַנצער וועלט וועט אַראָפּגעוואָרפן ווערן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן?
10. לערנט איר אַן אויסלענדישע שפּראַך? וואָסערע?

## אויפגאַבן:

1. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָט איר געוויס באַגעגנט אַ סאַך נייע, אומבאַקאַנטע ווערטער. שרייבט זיי איבער און פרעגט באַם לערער זייער באַטייט.

2. לערנט זיך אויס שרייבן: — „זאָל לעבן דער קאָמוניסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל" אַף די פּאָלגנדיקע שפּראַכן: רוסיש, אוקראַיניש, ווייס־רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש. בעט באַם לערער אָדער בא באַקאַנטע, וואָס באַזיצן די שפּראַכן, וואָס זיינען דאָ אָנגערופן געוואָרן, אַז זיי זאָלן אייך אָנשרייבן און איר לערנט זיך אויס לייענען עס.

וואָס קאָן מען איבערלייענען, אַף צו דערוויסן זיך, ווי אַזוי עס גייט דער קאמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן:

ארטור קאראטי — ביני און טשיקא.
ארטור קאראָטי — טשיקא אין רוסלאנד.

# אַ צעטל ביכער

מיט וועלכע דער אוטאָר האָט זיך באַנוצט באַם צוזאַמענשטעלן דעם-דאָזיקן הילף-ביכל און וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערן דורך די אַנפירער אין שול און אין פּיאָנערן-קלוב, ווען זיי באַאַרבעטן דעמדאָזיקן מאַטעריאַל.


1. Prof. Hickmann's Geographisch-statistischer Universal-Atlas. Wien, 1921.

2. Ежегодник Коминтерна. Справочная книга по истории международного рабочего политического и профессионального движения статистике и экономике всех стран мира на 1923 г. Издательство Коммунистического Интернационала. 1923 г.

3. Календарь коммуниста на 1925 и 1926 г. И-во „Московский Рабочий“, 1925, 1926 гг.

4. נ. לענין. אימפּעריאַליזם, ווי דער נייסטער עטאַפּ פון קאַפּי-טאַליזם, לענין-ביבליאָטעק. באַנד IV, ט. 2. צענטראַפאַרלאַג.

5. П. Дормшторер. История раздела Африки. Гиз, 1925 г.

6. Б. Доливо-Добровольский. Тихоокеанская проблема, Москва, 1924 г.

7. К Джонс, К. Бонкули и др. Черные рабы. Сборник под редакцией В. Фостера. Гиз, 1926 г.

8. И. Амтер. Мировое освободительное движение негров. Гиз, 1925 г.

9. М. Рой. Новая Индия. Гиз. 1923 г.

10. И. Мам[illegible]ев и В. Колоколов. Китай. Гиз, 1924 г.

11. Сер[illegible]й Долин. В рядах Китайской революции. Из-во „Московский рабочий“, 1926 г.

12. П. Миф. Уроки Шанхайских событий. Гиз, 1926 г.

13. С. Атнагулов. Башкирия. Гиз, 1926 г.

14. Н. Ярискин. В стране семи рек. Гиз, 1926 г.

15. Путями смерти. По тюрьмам и каторгам буржуазии. Сборн. статей, воспоминаний и писем с введением Клары Цеткин. Составили Е. Андич и А. Берей. Из-во „Молодая гвардия“, 1926 г.

16. נ. לענין. באַנד VIII, ט. 2. (ווען נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס-רוסן).

# אינהאַלט

זייט

1. ווי אזוי איז די וועלט פאַרטיילט צווישן פאַרשיידענע מעלוכעס.

וואָס זעען מיר אויף דער וועלט-מאַפּע. ווי אזוי האָבן זיך פאַרגרעסערט די באַזיצונגען פון אַזעלכע לענדער, ווי ענגלאַנד. ווי באַלעבאַטעווען די זינער אין די פאַרכאַפּטע לענדער. די מעטראָפּאָליעס און זייערע קאָלאָניעס. א לאַנד, וואָס נויטיקט זיך נים אין קיין קאָלאָניעס . . . . . . . 3

פ. כלעבניקאָוו—ווי אזוי די ווייסע האָבן פאַר זיך צוגענומען די ערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 9

פראַגן, אויפגאַבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 14

2. אין די קאָלאָניעס פונם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד.

וואָס קאָסט א שיינער טעפּיך. וועגן קירגיזן, קאַלמיקעס און באַשקירן. ווי אזוי מע האָט געראַבעוועט די פעלקער פון עקסטן צאָפן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 15

ל. פּאַסינקאָוו—דער קאָזאַק פּאָראָכניא . . . . . . . . . . 23

פראַגן, אויפגאַבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 31

3. דאָס לעבן פון די נעגערס אין אפריקע

דאָס לאַנד קאָנגאָ. ווי אזוי ווערט אויסגעאַרבעט קאַוטשוק . 32

מ. באַשטשעוואַצקי—לוניאַל . . . . . . . . . . . . . . 36

דע-ווער-סטעקפּול—די שטראָף . . . . . . . . . . . . . 38

פראַגן. אויפגאַבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 44

4. דאָס לעבן פון נעגערס אין אַמעריקע

ווי אזוי קומען די נעגערס קיין אמעריקע. דאָרעם און צאָפן. ווי אזוי לעבט זיך איצט די נעגערס אין אמעריקע . . . . . 45

ע. סינקלער—דער נעיעג אויף א מענטשן . . . . . . . . . . 50

נעגער-לידער (אידיש—הערש ראָזענפעלד) . . . . . . . . . 62

פראַגן, אויפגאַבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64

5. ווי אזוי די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן ראַבעווען אינדיע

פאַרוואָס גייען אַרום וועגן אינדיע אַזאַ מאַיסעלעך. ווי אזוי האָבן די ענגלענדער באַהערשט אינדיע. דאָס לעבן פון די אינדישע פויערים. די אַרבעטער אין אינדיע . . . . . . 65

זייט

באנד מאטאראם (אינדיישער נאציאנאלער הימן) . . . . . . . 78
נ. טיכאנאוו: האמי . . . . . . . . . . . . . . . . . 74
פראגן, אויפגאבן . . . . . . . . . . . . . . . . . 79

6. אין לאנד פון די געלע מענטשן

קינדער אין כינע. דאס כינעזישע דארף. די כינעזישע שטאט. ווער איז באלעבאס אין לאנד . . . . . . . . . . . . 80
דזשעק לאנדאן: ער איז דאך ניט מער ווי א כינעזער . . . 89
פראגן, אויפגאבן . . . . . . . . . . . . . . . . . 101

7. דער קאמף פאר פרייהייט אין די קאלאניעס

וואו קומט עס פאר? די אויפשטאנדן אין די קאלאניאלע לענדער. ווער איז געטרייער פאר די קאפיטאליסטן . . 102
[illegible] פון כינע . . . . . . . . . . 113
פראגן, אויפגאבן . . . . . . . . . . . . . . . . . 116

8. וואס פאר א ביישפיל געבן זיך אראפ די קאלאניאלע פעלקער פון פ. ס. ס. ר.

בלויז די מאכט פון די ארבעטער און פויערים קאן באפרייען די אונטערדריקטע פעלקער. וואו שטייען עס זיינען איינציקע [illegible] פעלקער, און [illegible] פעלקער זיי זיך אין א פעסטן פארבאנד צווישן זיך. אין פ. ס. ר. ר. נעמען אנטייל אין [illegible] די לאנד די [illegible] פעלקער, צוזאמען מיט אלע אנדערע. די שטארקערע, מער אנטוויקלטע פעלקער [illegible] די שוואכערע און אפגעשטאנענערע פעלקער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 118
[illegible] . . . . . . . . . . 128
פראגן, אויפגאבן . . . . . . . . . . . . . . . . . 134

9. ווען וועט זיך ענדיקן די הערשאפט פון אלע קאלאניאלע פעלקער

ווער איז דער באפרייער? דער שטרייק פון די ענגלישע באן-ארבעטער און דער קאמף פון די כינעזישע ארבעטער פאר [illegible]. די שטאבן פון די ארבעטער און פויערים פון דער גאנצער וועלט. פארבאנד פון [illegible] [illegible] פון דער גאנצער וועלט . . . 135
פראגן, אויפגאבן . . . . . . . . . . . . . . . . . 141